בס"ד / שנה ו' / פרשת תז"מ / נומער 308

# בלעטל



## פסח'דיגע השפעות

**ברעקעלעך פונעם יום טוב פסח**
יואל שניצלער

**דעטאלירטע באריכט פון יום טוב פסח אין שטעטל**
אברהם הערש וועבערמאן

**פסח אין בילדער**
משה ראזענבערג

**די היינט אויף איסט מאנגאוס**
ישראל דוד העסקעל

**דריי טוויזענט סקווער פיס**
משה ארי' שניצלער

**בס"ד**

פרשת
תזמ
תשפ"ו

**נומער**
**308**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | קול הברה |
| **06** | שטעטל נייעס |
| **12** | פנינים |
| **14** | וועלטעלעך |
| **16** | אלץ און אלעמען |
| **18** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **20** | פשרה'לאַז |
| **22** | מעשה פון א צדיק |
| **26** | היכל הלכה |
| **28** | קוק אהער |
| **34** | געדאנקען |
| **37** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה אריי שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בית המדרש
היכל הקודש
קרית ברסלב

בהתייסדות כ"ק מוהרא"ש ז"ל • בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747

**מיר וויל זיך באדאנקן פאר אלע חשובע מתפללים וואס האבן געקויפט אן עליה במשך דעם יום טוב פסח, און מיט דעם ארויסגעהאלפן מיט די הוצאות הבית המדרש**

| | |
|---|---|
| ראש ישיבה שליט"א | מו"ה ישראל סאמעט הי"ו |
| מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו | מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו |
| מו"ה אברהם פרידריך הי"ו | מו"ה יעקב פיש הי"ו |
| מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו | מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו |
| מו"ה אהרן פיש הי"ו | מו"ה יואל משה עזרא פליישמאן הי"ו |
| מו"ה איציק מענדלאוויטש הי"ו | מו"ה מרדכי איידליס הי"ו |
| מו"ה אלחנן חיים רוטה הי"ו | מו"ה מרדכי לייב טורנויער הי"ו |
| מו"ה אלימלך קרויס הי"ו | מו"ה נחום ברילל הי"ו |
| מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו | מו"ה נחמן שמואל מרדכי יאקאבאוויטש הי"ו |
| מו"ה בערל שניטצלער הי"ו | מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו |
| מו"ה בנימין זאב זוסמאן הי"ו | מו"ה שלום ברמ"א שניטצלער הי"ו |
| מו"ה דניאל אייזנער הי"ו | מו"ה שלום יוסף שענקער הי"ו |
| מו"ה חיים ישעי דעפריס הי"ו | מו"ה שלמה גוטוויין הי"ו |
| מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו | מו"ה שלמה רוטה הי"ו |
| מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו | מו"ה שמעון איינהארן הי"ו |
| מו"ה ישראל קרויס הי"ו | מו"ה שמעון ניישטיין הי"ו |
| מו"ה ישראל פוקס הי"ו | |

**דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס, בני חיי ומזוני רוויחי און הצלחה בכל מעשה ידיהם**

כי ביתי
קופת החזקת בית מדרשינו

# מיין שול, מיין הויז, מיין חלק!

# קוֹל הַבָּרָה

## ליבערטי / חירות



איך וויל זיך אויסדרוקן מיט אפאר דאנק ווערטער פאר די ערליכע רייכע אויסגאבעס, "בלעטל" "אינדערהיים", "קינדערהיים", און דאס "בלעטעלע", פונעם פארגאנגענעם יום טוב פסח. מ'האט זיך ממש באלעקט מיט יעדן ארטיקל, באשרייבונג, און אזוי ווייטער.

בפרט איז געווען גאר אינטערעסאנט און באלערנט דער ארטיקל איבער ליבערטי; עס האט מיר געגעבן א שאקל אויף צו זען וויפיל אידישע קינדער האבן זיך געדרייט אין ליבערטי פאר אונז, וואס ס'איז אלץ אריבער אויף זיי, און אזוי ווייטער. און פארשטייט זיך די מוסר השכל פאר אונז וויאזוי מען דארף זיך האלטן מיט א צדיק ער זאל אונז וויזן דעם וועג וויאזוי מען קען ווייטער ציען ערליכע אידישע דורות.

איך וויל צולייגן א שטיקל היסטאריע איבער ליבערטי, וואס געפינט זיך טאקע אויף אונזער באקאנטע דענמאן גאס. דאס איז די פראפערטי אויף 213 דענמאן ראוד אין ליבערטי, ניו יארק, וואס איז געווען באקאנט אלס א האטעל מיטן נאמען "די שעידי ליין הויז" (אויך געווען באקאנט אלס דער "שעידי ליין האטעל" אדער "שעידי ליין פארם").

דורכאויס די יארן פונעם באקאנטן "בארשט בעלט" עפאכע אין די קעטסקילס, איז דענמאן ראוד און די ארומיגע געגנטער אינעם "טאון אוו ליבערטי" געווען באדעקט מיט צענדליגער קלענערע און מיטל-גארטיגע רעזארטס. בשעת ווען "גראסינגער'ס" (וואס איז געווען רייך באשריבן אינעם בלעטל) איז געווען די מערסט באקאנטע גרויסע רעזארט דערנעבן, האט "שעידי ליין" אהערגעשטעלט א מער היימישע און פאמיליע אטמאספער, וואס איז געווען טיפיש פאר די קעטסקיל רעזארטס אינעם פריערדיגן און מיטלן חלק פונעם 20'סטן יאר הונדערט.

אזוי ווי פילע פראפערטיס אין יענעם געגנט, האט זיך עס ווארשיינליך אנגעהויבן אלס א "פארם הויז" אנהייב די 1900 יארן, וואס פלעגט אויפנעמען "זומער געסט" - בעיקר אידישע משפחות פון ניו יארק סיטי וואס האבן געזוכט זיך אפצורוען פונעם שטאטישן היץ. ארום די 1940'גער און 50'גער יארן האט זיך עס שוין אויסגעברייטערט צו א פולקאמען רעזארט.

שעידי ליין איז געווען א כשר'ע רעזארט. אין אירע בעסטע צייטן האט עס צוגעשטעלט דעם פולן "קעטסקילס עקספיריענס": פרישע סעודות (אפטמאל קומענדיג דירעקט פונעם אייגענעם פארם אויף די פראפערטי), א סווימינג פול, און פראגראמען פאר די געסט.

דער בנין איז פיל גרעסער ווי א געווענליך הויז; עס פארמאגט 12 שלאף-צימערן, וואס דאס ווייזט קלאר אז זיין ארגינעלער ציל איז געווען צו קענען אקאמאדירן פילע געסט אויפאיינמאל.

די פראפערטי ציט זיך אויס אויף בערך 36 עיקער, און די ריזיגע שטחים זענען היסטאריש גענוצט געווארן סיי פאר די אקטיוויטעטן פון די געסט און סיי פאר די פארמינג געברויכן פונעם רעזארט.

מיט איר ספעציעלן אויסשטעל פון אן אומצאליגע צאל צימערן און ברייטע פאבליק עריעס, דינט דאס אלס א זעלטענע איבערבלייבעניש פונעם "באורדינג הויז" סטייל ארכיטעקטור, וואס איז געווען שטארק איינגעפירט איבער סאליוואן קאונטי

בריוו פון לייענער
צום בלעטל
פאסט קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

פאר כמעט הונדערט יאר.

אנטקעגן איבער האט יארן לאנג געוואוינט די אידישע זאלצמאן משפחה; ווי עס זעט אויס זענען זיי געווען די בעלי בתים פונעם רעזארט.

ביז לעצטנס האט נאך דארט געוואוינט אן עלטערע פרוי, מרת זאלצמאן, וועלכע האט מאריך ימים געווען ביז די 105 יאר.

אירע עלטערן האבן דארט געוואוינט, און זי אליין איז דארט אויפגעוואקסן זינט זי איז אלט געווען ניינצן יאר. שפעטער האט זי געוואוינט אין ברוקלין, און זי פלעגט קומען מיט די באן באזוכן אירע עלטערן אויף שבתים.

זי פלעגט דערציילן אז זי האט אפגעשטעלט די באן ביים ווינקל פון האשקי-דענמאן (דארט וואו עס געפינט זיך היינט די טרעיל), ווייל זי האט נושא חן געווען ביים באן-קאנדאקטער און ער איז געווען גרייט זיך אפצושטעלן ספעציעל פאר איר. אזוי ארום האט זי נישט געדארפט אז מען זאל איר קומען אפנעמען פונעם באן סטאנציע, וואס איז געווען אויף אלד מאנטיסעלאו אדער ווייטער אויף לעיק סטריט.

עס זענען דא וואס זאגן אז זי האט אפגעשטעלט די באן ווייל עס איז שוין געווען נאנט צו שבת און זי האט געוואלט פארמיידן חילול שבת, אבער זי פלעגט עס נישט אזוי דערציילן.

זי האט איבערגעלאזט אייניקלעך שומרי תורה ומצוות וואס וואוינען היינט אין די עיר התורה לעיקוואוד.

לעצטענס האט מען איר געשאנקן א יום הולדת מתנה א באנק, וואס שטייט אויף דעם אז זי איז געווען די איינציגסטע וואס האט געקענט אפשטעלן דעם באן. די באנק געפינט זיך פארנט פון איר דירה אויף דענמאן.

גייט אן מיט די הייליגע ארבעט, א גרויסן יישר כח.

*י. מ קרית ברסלב*




## א מתפלל אין טשעסנאט

איך בין נאך אינטערן רושם פונעם ליבערטי באשרייבונג. אלץ א מתפלל אין בית המדרש ליקוטי מוהר"ן ביי 39 טשעסנאט האט עס מיר געמאכט טראכטן וואס דא האט זיך אלץ אפגעטון אין אט דעם בנין וואס מען דאווענט יעדן טאג, יעדן שבת און יום טוב. הגם איך האב שוין אסאך געוויסט פון פאר דעם, אבער גענוג האב איך נישט געוויסט ביז יעצט.

עס האט מיר גוט אויפגעוועקט פון שלאף זיך גוט צו אנכאפן אין ערליכע אידן, און גיין אין זייערע וועגן, אויב וויל איך קענען זיין א פשוטער איד, און איבערלאזן ערליכע דורות ביז משיח'ס טאג.

אזוי אויך וויל איך מיר באדאנקן פאר אלע אנדערע ארטיקלען און באשרייבונגען, עס איז געווען מלא תוכן.

דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן די כוחות אנצוגיין מיטן בלעטל יעדע איינציגע וואך.

*י. ח ב. קרית ברסלב*

# שטעטל נייעס




## הערליכער יום טוב פסח אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א

דער יום טוב פסח ווערט אפגעראכטן ביי גאנץ כלל ישראל גאר שיין און געשמאק, מען איז מקיים די אלע הייליגע מצוות און מנהגים מען פריידט זיך מיט די מצוות און מען שעפט זיך אן מיט אמונה אויף א גאנץ יאר. אבער אין שטעטל איז דער יום טוב פסח איינע פון די שענסטע צייטן, בפרט אז מען האט די זכי' אז מען האט דעם ראש ישיבה אויף יום טוב, מען קען מיטהאלטן די שיינע תפילות, הלל, דרשות, שיעורים און שמועסן.

אויפן פארלאנג פון פולע אנשי שלומינו, וועלן מיר דא איבערגעבן א קורצע באריכט וויאזוי דער הערליכער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה.

### ערשטע טעג

די ערשטע טעג יום טוב זענען געווען גאר שיין, געשמאק און ווארעם, מיט די הערליכע תפילות וואו דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צום עמוד און פארגעזאגט הלל. דעם ערשטן טאג יום טוב האט דער ראש ישיבה זייער שיין פארגעזאגט "טל" מיט א ספעציעלן געשמאק און מיט א מתיקות. נאכ'ן דאווענען איז נישט פארגעקומען קיין קידוש, וויבאלד דער מנהג איז אז מ'מישט זיך נישט.

### חול המועד

דורכאויס די טעג פון חול המועד איז יעדן טאג פארגעקומען א הערליכער דאווענען אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה. זונטאג חול המועד האט דער ראש ישיבה געגעבן א הערליכן שיעור; קודם האט מען שיין געזינגען פסח'דיגע ניגונים, און דערנאך האט מען געהערט דעם הערליכן שיעור פונעם ראש ישיבה, וואו ער האט ארומגערעדט אז מ'דארף זיך מורא'דיג פרייען אז מ'האט געהאט די זכיה צו קענען עסן מצה און אפרעכטן שיינע הערליכע סדרים.

דער ראש ישיבה האט אויך ארומגערעדט איבער די חשיבות פון מצה, אז יעדע שטיקל מצה איז א רפואה; א מינוט נאך יום טוב איז שוין די מצה פונקט ווי א קרעקער און ס'האט שוין נישט די אלע סגולות. עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז ביי געוויסע מענטשן וואס זענען דורכגעגאנגען דעם ראש ישיבה און האבן געהאט געוויסע קריצן אויפ'ן שטערן וכדומה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דורך'ן עסן מצה קען עס אראפגיין און מ'קען ווערן אויסגעהיילט.

### שביעי של פסח

שביעי של פסח ביינאכט איז מען זיך צוזאמגעקומען אין דעם גרויסן שול, וואו מ'האט געזונגען פסח'דיגע ניגונים פאר א לענגערע צייט. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט פאר יעדן פערזענליך א כוס וויין. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א גרויסער עולם האט זיך אהערגעשלעפט ווייל זיי דארפן פרנסה, און דאס איז דאך די באקאנטע סגולה פון שביעי של פסח, ווען מען איז אריבער דעם ים און דארט איז געווען די גרויסע ביזת

**אברהם הערש**

הים. מען זעט טאקע אז א גרויסער עולם קומט ווייל זיי ווילן זוכה זיין צו האבן ביזת הים. אבער, אז מ'האט געלט איז עס נאך נישט אלעס; די אידן האבן געהאט אסאך געלט דארט אין מדבר, אבער זיי האבן גארנישט געקענט טון דערמיט, זיי האבן עס פשוט נישט געדארפט. זיי האבן געהאט עסן פונעם אייבערשטן, און די ענני הכבוד האבן אויסגעוואשן זייערע וועש. וואס האבן זיי שוין געקענט טון מיט די אלע הויפנס פון ביזת הים? עס האט זיי נישט צופיל געהאלפן.

דער עיקר דארף מען זען מיטצונעמען די אמונה, גלייבן אינעם אייבערשטן, און זען דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געטון. קיינער האט נישט געקענט טראכטן אז מען וועט שטיין ביים וואסער און דאס וואסער וועט זיך שפאלטן. זיי האבן געקענט טראכטן אז אפשר וועלן די מצריים מאכן שלום מיט זיי, אדער אז זיי וועלן חלילה אויסגע'הרג'עט ווערן - אזעלכע מחשבות האבן זיי געקענט האבן. אבער צו טראכטן אז דאס וואסער וועט זיך פלוצלינג שפאלטן, דאס איז שוין קיינעם נישט בייגעפאלן. דא זעט מען קלאר אז דער אייבערשטער פירט די וועלט; דער אייבערשטער האט געוויזן אז עס איז נישטא קיין טבע, עס איז נישטא קיין מקרה, און עס איז נישטא קיין מזל.

און דאס דארף מען אין זיך ארייננעמען; מ'דארף ארייננעמען אין זיך די אמונה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. מ'דארף אלעמאל בעטן פונעם אייבערשטן. דער ראש ישיבה האט פארציילט א משל: א קעניג האט געהאט א באליבטע טאכטער און ער האט איר חתונה געמאכט. נאך די חתונה איז זי מער קיינמאל נישט געקומען באזוכן דעם טאטן.

דער טאטע האט זיך זייער געבענקט, האט ער געשיקט מענטשן זאלן איר גיין דערשרעקן. זיי האבן זיך פארשטעלט מיט מאסקעס, אנגעטון אין שווארץ, און זי איז געווארן זייער דערשראקן. דער טאטע האט אפגעשמועסט אז ער וועט שטיין אין די זייט, און ווען די טאכטער וועט שרייען, וועט ער ארויסלויפן איר ראטעווען. אזוי איז טאקע געווען; זי האט געזען ווי דער טאטע שטייט אין די זייט, האט זי א געגעבן א שריי: "טאטע, ראטעווע מיך פון די שלעכטע מענטשן וואס ווילן מיר דא שלעכטס טון!" איז ער געקומען און איר געראטעוועט, און ער האט איר געזאגט: "קינד מיינס, דאס איז אלעס נאר געווען אונטערגעשטעלט. איך האב דאס אונטערגעשטעלט ווייל איך האב געזען אז דו קומסט נישט צו מיר."

דאס זעלבע איז געווען ביים ים. די אידן זענען ארויס פון מצרים און האבן שוין פארגעסן פונעם אייבערשטן און פון די נסים וואס ער האט געטון. האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז די מצריים זאלן זיי נאכלויפן, כדי זיי זאלן נאכאמאל דארפן שרייען צום אייבערשטן; דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזאגט: "יא, יא, איך בין דא."

דאס זעלבע גייט אדורך אויף יעדן מענטש אין יעדן מצב; דער אייבערשטער וויל נאר הערן ווי דו שרייסט "טאטע". עס איז דעריבער בעסער אז מען ווארט נישט ביז דער אייבערשטער דארף שיקן אזעלכע אומאנגענעמע מצבים וואס זאלן צווינגען דעם מענטש צו שרייען "טאטע". עס איז פיל בעסער אז ער שרייט שוין "טאטע" און רעדט צום אייבערשטן נאך פאר עס קומט א צרה, ווייל אלעס וואס פאסירט מיט א מענטש איז נאר ווייל דער אייבערשטער וויל ער זאל רעדן צו אים און שרייען "טאטע".

דערנאך האט מען געזינגען ארום די טישן און מען האט געטאנצן פאר א לענגערע צייט די שירה "ויושע ה' ביום ההוא". מען האט געטאנצן און געשפרינגען מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט גרויס קראפט. אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אפגעשטעלט און געזאגט: "שטעל דיר פאר, מען גייט יעצט ארויס, מען שטייט דא נאכדעם וואס מען איז יעצט אדורך דעם וואסער. וואלסטו דען געטאנצן אזוי פארשלאפן? דו וואלסט דאך געטאנצן מיט דיין גאנצע כח - יעצט בין איך אדורך דעם ים סוף!" הערנדיג דאס, האט דער גאנצער עולם אנגעהויבן טאנצן נאך פיל שטארקער מיט א פרישע חיות.

### אחרון של פסח

דעם צווייטן טאג יום טוב, אחרון של פסח, האט מען פארגעלערנט אינדערפרי דעם זוהר הקדוש פאר א לענגערע צייט. (אין א באזונדערע שמועס האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז פונקט ווי מען לערנט אויס פאר קינדער וויאזוי צו לערנען חומש, משניות און גמרא, דארף מען אויך האבן א מלמד וואס זאל

# שטעטל נייעס

אויסלערנען וויאזוי צו לערנען זוהר; דאס איז טאקע וואס מיר טוען יעדן שבת פארן דאווענען).

דערנאך האט מען פארגעלערנט פונעם סידור "עת רצון", דער פירוש וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויפן סידור, וואו מען האלט יעצט ביי קריאת שמע. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס זענען דארט דא אזעלכע מורא'דיגע שטיקלעך, וואס ער מיינט אז אין דעם גאנצן סידור געפינט זיך נישט אזא שיינע שטיקל.

מוהרא"ש שמועסט דארט אויס, אז בעצם געפינען מיר זיך שוין אין א מצב וואס רוב כלל ישראל איז ליידער נישט ריין פון פגם הברית, און מיר זענען באמת זייער ווייט פונעם אייבערשטן. אבער וויאזוי קען מען טאקע מתקן זיין דעם חטא, זיך צוריקקערן צום אייבערשטן און זוכה זיין צו אלעם גוטן? דאס קען מען נאר באקומען דורך דעם וואס מען נעמט אריין אין זיך א שטארקע אמונה. און וויאזוי קען מען האבן א שטארקע אמונה? אויב א מענטש חזר'ט די צוויי פסוקים פון "שמע ישראל" און "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", קען ער מיט דעם צוריק אויפבויען זיין אמונה; דאס קען אים ראטעווען פון אלעם און ער קען האבן א תיקון אויף אלע זיינע עבירות פון פגם הברית.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די עצה פון זיך אנכאפן און זיך שטארקן מיט אמונה האט אים שוין זייער אסאך מאל געראטעוועט. ער האט דערציילט אז ווען ער פלעגט אריינפאלן אין א מצב פון קטנות המוח, און ער האט געטראכט צו זיך: "וואס גייט זיין מיט מיר? וואו בין איך? וואו שטיי איך אויף דער וועלט? איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן..." האט ער זיך דערמאנט פון די עצה וואס דער רבי זאגט, אז מען זאל זיך אנכאפן מיט אמונה. מען זאגט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", און מען שטארקט זיך מיט פשוט'ע אמונה אז למעשה פירט דער אייבערשטער די וועלט און איך גלייב אין אים. דאס ראטעוועט א מענטש און ברענגט אים צו אלעס גוטס.

אן אינטערעסאנטע זאך האט זיך דארט אפגעשפילט ביי דעם שיעור, ווען עס איז אריינגעקומען א איד וואס איז אליין א ראש ישיבה - א ליטווישער ראש ישיבה, דער פאטער פון ר' ראובן בירנבוים. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "יעצט וועלן מיר הערן א שיינעווארט פונעם ראש ישיבה," און ער האט אים מכבד געווען צו רעדן. יענער האט גערעדט א לענגערע צייט, און דער ראש ישיבה האט אים אויסגעהערט מיט גרויס דרך ארץ און מיטגעהאלטן זיינע ווערטער.

דער גאסט האט אויך איבערגעגעבן א זייער שיינע גרוס פארן ראש ישיבה, זאגנדיג ווי שטארק ער האט הנאה פון זיינע אייניקלעך וואס ווערן דא מחונך, און ער האט אויסגעלאבט זייער שיינע חינוך. אויף דעם האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט, אז דאס קומט טאקע גאר פון די פירות פון די זיידעס...

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען. עס איז געווען א גאר ווארעמע דאווענען, און א זייער געשמאקע הלל, אזוי ווי דער ראש ישיבה לייגט עס אראפ. נאכדעם איז צוגעשטעלט געווארן א גרויסער קידוש וואו מ'האט זיך געמישט, אזוי ווי דער מנהג איז אז אחרון של פסח מישט מען זיך. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דאס וואס שטייט אין די הפטורה, אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיך אלע חיות קענען אויסקומען צוזאמען, "וגר זאב עם כבש" און אזוי ווייטער. דאס גייט אויך ארויף אויף אידישע קינדער, אז מ'דארף לעבן צוזאמען, אפילו איינער איז אזא סארט מענטש און דער צווייטער איז אן אנדערע סארט.

בפרט אין שטוב, האט דער ראש ישיבה געזאגט, איז זייער וויכטיג דאס צו געדענקען; אז אפילו אויב מ'איז פון אן אנדערע סארט אדער מ'איז נישט די זעלבע טייפ, דאך האט מען זיך ליב און מ'לעבט צוזאמען - דאס איז די וויכטיגסטע זאך.

**משיח'ס סעודה**

שפעטער איז מען זיך צאמגעקומען צו משיח'ס סעודה. דער ראש ישיבה האט שיין אויסגעשמועסט דעם טעם פארוואס מ'קומט זיך צאם, נעמליך ווייל דער הייליגער בעל שם טוב איז דעמאלט געראטעוועט געווארן. עס איז געווען אחרון של פסח בשעת ער איז געפארן קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן אור החיים הקדוש כדי צו ברענגען משיח, און ער איז עטליכע מאל געראטעוועט געווארן אויפן וועג.

**אברהם הערש**

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט די גאנצע מעשה מער באריכות, ווי אדל האט טאקע געבעטן אז מ'זאל איר לאזן לעבן און איר נישט ארייננווארפן אין וואסער, נאר ענדערש ארייננווארפן די כתבים; דאס איז ווייל פון איר וועט ארויסקומען אן אייניקל וואס וועט שרייבן גאר שיינע תורות וואס וועלן מחיה זיין די גאנצע וועלט, וואס דאס גייט ארויף אויפן הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט וואס דער רבי האט געזאגט, אז צווישן אים און משיח איז נישטא קיין חילוק; דער איינציגסטער חילוק איז נאר, אז ווען משיח וועט קומען וועט שוין נישט זיין קיין בחירה און יעדער וועט עס אננעמען, אבער יעצט איז נאך דא א בחירה צי מ'זאל אננעמען דאס וואס דער רבי זאגט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעצט קאכט זיך מיט די מלחמה צווישן אמעריקע און איראן, און אזוי ווייטער זענען דא מלחמות איבער די וועלט, און מענטשן קענען מיינען אז דאס איז טאקע דער וועג וויאזוי משיח וועט קומען - דורך מלחמות, וואו איינער וועט אויפקומען מיט שטערקערע געווער פונעם צווייטן, און אזוי וועט משיח אנקומען.

אבער דער רבי האט געזאגט אז משיח וועט איינעמען די וועלט אן קיין איין שאס פולווער. עס וועט אריינקומען אזא מין רוח טהרה און אזא שטארקע אמונה אין די וועלט, אז יעדער איינער וועט איינזען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. מען וועט קענען פארגינען פאר א צווייטן אז יענער זאל אויך האבן א לאנד; מען וועט נישט דארפן מלחמה האלטן מיט קיינעם, נאר מען וועט פארגינען יעדן איינעם. אזוי וועט זיין שלום אין די גאנצע וועלט אן קיין שום מלחמות. דאס וועט זיין משיח'ס ארבעט: ארייננברענגען אמונה אין די גאנצע וועלט.

דערנאך האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן "חסל סידור פסח" מיט א געוואלדיגע ברען, און צוגעזעגנט מיט "לשנה הבאה בירושלים".

**א שבת נאך פסח**

א שבת נאך פסח האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל. שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט זוהר הקדוש פרשת ואתחנן, וויבאלד ער צילט צו ענדיגן דעם גאנצן זוהר הקדוש אויף ל"ג בעומר, און פראווען דעם סיום ברוב פאר והדר אינעם הייליגן טאג ל"ג בעומר ביים סעודת ל"ג בעומר אין שטעטל, כדי ארייצוברענגען אז אנשי שלומינו זאלן זיך קובע זיין א שיעור אין זוהר הקדוש.

גאר שיינע שטיקלעך זענען פארגעלערנט געווארן, מיר וועלן געבן איין ביישפיל: עס ווערט אויסגעשמועסט אין זוהר הקדוש וויאזוי דער יצר הרע מאכט זיך באקוועם ביים איד, פונקט ווי א איד נעמט אריין אן אורח צו זיך אין שטוב; אין אנהייב פירט ער זיך אויף ווי אן אורח, אן גריבלען צו פיל אינעם בעל הבית, אבער אויב ער זעט אז דער בעל הבית לאזט אים דארט ווערן דער בעל הבית, גייט ער אלץ איין טריט ווייטער און מאכט זיך מער און מער באקוועם אין דער דירה, ביז ער ווערט גאר דער בעל הבית און ער זאגט פארן עכטן בעל הבית וויאזוי זיך צו פירן אין זיין אייגענער דירה.

אזוי איז אויך מיטן יצר הרע: קודם קומט ער צום מענטש ווי אן אומשולדיגער אורח, ער וויל נאר דו זאלסט געבן אזא שלעכטן קוק אומוועלנדיג, אבער אויב דער מענטש לאזט זיך פון אים און ער טוט נישט תשובה, גייט ער אלץ נאך א טריט און נאך א טריט, ביז ער ווערט שוין דער בעל הבית, אזוי אז דער איד פילט שוין כאילו ער האט מער נישט קיין בחירה, און דער יצר הרע איז דער בעל הבית אויף אים רח"ל. דערפאר דארף א איד אלעמאל זען צו בלייבן דער בעל הבית, און נישט לאזן דעם יצר הרע ווערן דער בעל הבית אויף אים.

אויך האט מען געלערנט איבער די גרויסקייט פון א מזוזה, אז דאס היט פון די שלעכטע קליפות וואס שטייען ביים טיר פון א אידיש הויז און ווילן ח"ו שעדיגן די מענטשן. דערפאר דארף מען זען צו האבן גוטע כשר'ע מזוזות, און נישט זוכן ביי דעם צו צאלן ביליג.

דאס דאווענען שחרית איז אריבער גאר ווארעם, צוזאמען מיט'ן ליינען פונעם ראש ישיבה שליט"א.

# שטעטל נייעס

### סיפורי מעשיות

ביי די קידוש האט מען פארגעלערנט די מעשה פונעם בעל תפילה, איבער די אלע כיתות וואס זענען נעבער אריינגעפאלן אין זייערע תאוות, ווי למשל תאוות ממון אדער תאוות ניאוף. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אין איינע פון די חול המועד טעג ביי שחרית, האט זיך אראפגעזעצט אן אינטערעסאנט אידל הארט נעבן זיין זיץ אין שול.

געוויסע מענטשן האבן אים געוואלט פארשיקן פון דארט, אבער דער ראש ישיבה האט נישט געלאזט, זאגנדיג אז ער איז דער וואס שיקט די טשעקלעך אין די פאסט פאר די מוסד די לעצטע שטיק צייט... מען האט געזען ווי געוויסע האבן דאן געטוישט זייער בליק אויף דעם אידל, נאר צוליב דעם וואס ער האט געלט. פאר א צווייטן האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז אפשר איז ער גאר אליהו הנביא וואס האט זיך פארשטעלט ווי אזא פשוט'ן אינטערעסאנטן אידל.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מ'דארף נישט צוקומען צו די צוויי טעמים כדי ליב צו האבן א איד; מ'דארף אים פשוט ליב האבן ווייל ער איז א איד און ער האט א אידישע נשמה. אבער פון דא זעט מען, אז געלט רעדט צו א מענטש מער ווי דעם פאקט אז ער איז א איד. אויף דעם דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל נישט זיין פארזונקען אין תאוות ממון.

בנוגע תאוות ניאוף האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די פראבלעם הייבט זיך אן ווען מ'מאכט א "שיטה" פון די עבירה, אזוי ווי מ'זעט אין די מעשה פונעם בעל תפילה, אז זיי האבן געמאכט א שיטה פון תאוות ניאוף רח"ל. דאס איז די גרעסטע פראבלעם, אז ער בעט שוין ניטאמאל דעם אייבערשטן ארויסצוציין פון די שרעקליכע עבירה, ווייל ער פילט זיך שוין ליידער באקוועם דערין.

דערפאר זענען מיר דא ביים רבי'ן, ער זאל אונז ארויסנעמען דערפון דורך דעם וואס מיר רעדן צום אייבערשטן און בעטן אים מ'זאל זוכה זיין ארויסצוגיין דערפון.

נאכן קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז פאר שלש סעודות וועט מען זיך צאמקומען לערנען ח"י פרקים משניות און א יום תהילים; דאס איז דער עיקר און דער יסוד, און נאכן האבן די צוויי שיעורים קען מען צולייגן נאך און נאך שיעורים.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, אז ער האט זייער הנאה געהאט פון א טאטע וואס האט געזאגט פאר זיין זון, אז ער צאלט אים געלט פאר יעדן טאג וואס ער זאגט ח"י פרקים פאר דרייי אזייגער נאכמיטאג - דאס איז א קלוגער טאטע. אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז ער האט זייער הנאה צו זען אז לעצטנס זעט מען אנשי שלומינו ארומגיין מיט די נייע "ח"י פרקים משניות סעט", ארויסגעגעבן דורך ר' מאיר דוד פארקאש הי"ו.

### שלש סעודות

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פונעם ענין פון "וידם אהרן", אז ער האט נישט געהאט קיין קשיות אויפן אייבערשטן קיין איין רגע. דאס איז די גרעסטע מדריגה, אז וואס עס גייט נאר אדורך אויפן מענטש זאל מען נישט האבן קיין קשיות, נאר מען זאל וויסן אז אלעס איז מיט א פונקטליכן חשבון פונעם אייבערשטן.

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון האבן א אפגעהיטענע שטוב, נישט אריינצוברענגען קיין שום כלי וואס מ'קען זען אויף דעם עבירות רח"ל. מ'קען זיך נישט באהאלטן פון די ווייב און קינדער, און כל שכן קען מען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן וואס זעט אלעס אין יעדן פלאץ.

מוצאי שבת האט איינער געזאגט פארן ראש ישיבה א גרויסן יישר כח פארן אונז זאגן מוסר, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז נישט קיין מוסר, עס איז מלא חיזוק.

און מיט דעם האט זיך דער שיינער און הערליכער יום טוב און אזוי אויך דעם שבת נאך פסח געענדיגט מיט א גאר געשמאקן טעם.

**לשנה הבאה בירושלים**

# מסיבת הכרת הטוב

פאר אלע חשובע נדיבים וואס
האבן געגעבן גרעסערע סכומים.



ג' אייר

יומא דהילולא קדישא
הרה"ק רבי ישעי'
בן רבי משה זי"ע

יארצייט
סעודה
אינאיינעם
מיט דער
ראש ישיבה
שליט"א

ערווארט
אייער
פערזענליכע
איינלאדענונג

איר קענט נאך
אנטייל נעמען
רופט דעם גבאי
מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו
917.589.3382

*sruliHeskel

# ברעקלעך פון פסח

א

יי ווי שיין, איי ווי זיס זינגט זיך דער ברסלב'ער "קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה", ווען מ'לעבט מיט דער ראש ישיבה'ס שכל, עצות און לימודים, וואס ער לערנט אונז נאכאמאל און נאכמאל, ווי אזוי צו לעבן א חיים טובים מיטן אייבערשטן, און מקיים זיין דעם אייבערשטנ'ס מצוות מיט שמחה און געשמאק.

פון ערב שבת הגדול האט זיך שוין געשפירט אין די לופט אין שטעטל אז דער ראש ישיבה שליט"א געפינט זיך שוין בתוכינו לקראת דעם יום טוב פסח שעברו עלינו לטובה, עס האט זיך אפגעשפיגלט אין די הכנות החג מיט אמונה און שמחה, פארקערט ווי דער סמ"ך מ"ם וואס מאכט א ווינט אז די הכנות צום יום טוב פסח דארף קומען מיט אנגעצויגנקייט, נערוועזקייט און אנגסט ח"ו.

אין איינע פון די שמועסן האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז די טעות וואס מענטשן זאגן און פאניקן אז 'פסח איז נישטא וואס צו עסן' וואס ברענגט אז מען זאל זיך אנקויפן מיט כל מיני כשר לפסח פראדוקטן, נעמט זיך פון דעם וואס אין די ערב פסח טעג, און בפרט אום ערב פסח זעלבסט, איז נישטא געהעריג וואס צו עסן, ווייל צווישן די חמץ וואס מען וויל שוין נישט עסן, און די פסח'דיגע עסן וואס איז נאכנישט געהעריג גרייט, עסט מען אביסל וויינעגער, אבער ב"ה אז פסח איז דא פיין צו עסן, געשמאקע נארהאפטיגע עסן, און דער ראש ישיבה האט זיך אמאל געוואונדערט, אז מ'זעט אפילו אז אלע דייעט פירמעס פראקלאמירן נאך פסח אז יעצט איז די צייט צו גיין אויף דיעטע צו אפפאלן די איבריגע פונטן וואס מ'האט צוגענומען דורכאויס פסח...

*

פרייטאג צו נאכטס נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעשמועסט די השתלשלות הדברים ווי אזוי די קונטרס עצתו אמונה פון פרשת צו-שבת הגדול איז ארויסגעקומען, נעמליך, דורך די תפילות און טרערן פון אנשי שלומינו.

דורכאויס יום טוב האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט ווי אזוי עס ארבעט מיט די בריוון, דער ראש ישיבה האט קלארגעשטעלט אז ער ליינט יעדע בריוו וואס ער באקומט, און ער פרייט זיך צו יעדע בריוו, אפילו ער ענטפערט עס נישט. און לגבי צוריק ענטפערן, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז בדרך כלל ענטפערט ער תשובות אין די שיעורים, און אויב רעדט זיך דאס פון א מענטש וועם ער טרעפט כסדר און ער קען אים ענטפערן דורך רעדן צו אים וועט ער אים ענטפערן בדיבור, און ווען ער שרייבט צוריק איז דאס אדער א תשובה וואס איז נוגע פאר די כלל, אדער פאר א מענטש וואס וואוינט ווייט און ער באגעגנט אים נישט פערזענליך.

*

שבת צופרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט זוהר הקדוש פון פרשת פנחס, פון דף רי"ז עמוד ב', ביז דף רכ"ג ע"ב.

פארן אנהייבן דעם שיעור האט דער ראש ישיבה אויסגעפרעגט די אנוועזנדע אנשי שלומינו ווער עס האט שוין געענדיגט זוהר, און ווען מאנכע האבן געענטפערט אז זיי האבן נאכנישט געענדיגט, האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט מיט וואונדער: "אזויפיל יאר שוין מקורב צום רבי'ן, און נאך קיינמאל נישט געענדיגט זוהר?! דער רבי האט דאך געוואלט (שיחות הר"ן, סימן עו) מ'זאל עס ענדיגן יעדע יאר, מיט זוהר חדש..."

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן די זוהר מיט א שטיקל רעיא מהימנא, וואס דער ראש ישיבה האט מסביר געווען איז דאס מיינט די נשמה פון משה רבינו, און דער זוהר דערמאנט דארט דעם 'חבורא קדמאה', דער פריערדיגער חיבור. דער ראש ישיבה האט צוגעברענגט דעם רבינ'ס שיחה אין שיחות הר"ן, סימן רעח, וואו דער רבי זאגט אז עס זענען דא עטליכע שטיקלעך אין זוהר הקדוש וואס רבי שמעון בר יוחאי האט אנטפלעקט פאר זיינע תלמידים שוין

# שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

יואל שניצלער

נאך זיין הסתלקות, און דאס וואס ער האט מגלה געווען פאר זיין הסתלקות האט ער אנגערופן 'חבורא קדמאה', דער פריערדיגער חיבור.

און דער רבי זאגט דער ווייטער אז מיט דעם איז פארענטפערט דאס וואס עס געפינען זיך אין זוהר הקדוש און אין תיקוני זוהר פירושים אויף מימרות פון אמוראים וואס זענען געווען אסאך שפעטער פון רבי שמעון בר יוחאי, אז באמת האט רבי שמעון בר יוחאי מגלה געווען די מאמרים שוין נאך זיין פטירה ווען די דערמאנטע אמוראים האבן שוין געלעבט.

מ'האט געלערנט אין זוהר הקודש די וויכטיגקייט פון וואוינען אין א פלאץ פון ערליכע מענטשן, ווייל אויב מ'וואוינט אין א פלאץ פון שלעכטע און נישט ערליכער מענטשן קען מען נישט היטן די תורה און מקיים זיין די מצוות.

מ'האט געלערנט אין זוהר הקדוש פון צדיקים וואס דער אייבערשטער לאזט דעם סמ"ך מ"ם זיי גוט צו אויספראווען, ווייל דער אייבערשטער ווייסט אז זיי זענען שטארק און פעסט מיט די הייליגע אמונה, און זיי וועלן זיך נישט לאזן פון אים, און דאס ראטעוועט דעם דור.

א משל צו א קלוגער פאסטוך וואס האט געזען ווי א וואלף קומט צו זיין סטאדע שאף און וויל פארציקן די גאנצע סטאדע, האט ער אים דערלאנגט די שטערקסטע, פעטסטע און גרעסטע שאף, אזוינס וואס דער וואלף האט חשק צו פארציקן, אזוי ארום האט זיך דער וואלף געגומען ראנגלען מיט דעם איינעם שאף, און דערווייל איז דער פאסטוך אנטלאפן מיט די סטאדע צו א פארזיכערטע פלאץ און זיי איבערגעלאזט דארט און דאן צוריק געקומען ראטעווען דעם גרויסן שאף פונעם וואלף.

אזוי אויך ווערט דער דור געראטעוועט פון דינים ח"ו דורך דעם גרויסן צדיק, וואס לאזט זיך נישט פון זיינע איבערגייאכץ און יסורים, און פונעם סמ"ך מ"ם, און באזיגט אים און דערהאלט זיך.

מ'האט געלערנט אין זוהר הקדוש וועגן אריינגעמען דעם אייבערשטן אין די שמחה וואס א מענטש מאכט, "מאן דשתיף קודשא בריך הוא ושכינתיה בחדוה דיליה", האט דער ראש ישיבה שליט"א ערקלערט אז אריינגעמען דעם אייבערשטן מיינט געבן צדקה ביי א שמחה וואס מען מאכט, און מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים ביי א נייע הויז וכו'.

דערנאך האט מען געלערנט אין זוהר הקדוש אז בשעת א שמחה שלעפט דער אייבערשטער כביכול ארויס די עלטערן פון גן עדן אראפצוקומען אויף די וועלט צו נעמען א טייל אין די שמחה פון די קינדער און אייניקלעך וכו', און גייט צוזאמען מיט זיי כביכול צו די שמחה. און דאס איז נאר ביי א שמחה, אבער ווען עס איז חס ושלום פארקערט פון א שמחה, ווען מ'האט א צער חס ושלום, דאן איז דאס דער אייבערשטער נישט מודיע פאר די עלטערן אין גן עדן.

אזוי אויך האט מען געלערנט אין זוהר הקודש אז פון אלע צוויי און צוואנציג אותיות אל"ף בי"ת איז דא אין תנ"ך גרויסע און קליינע אותיות, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן פאר די פאר מלמדים וואס זענען געזיצן דארט ביים שיעור אז ער וויל אז די מלמדים זאלן דאס אויסלערנען פאר די קינדער.

(עס זענען דא צוויי מסורות אין דער ענין פון אותיות רבתי, איינס אז פון די גרויסע אותיות געפינען זיך אלע צוויי און צוואנציג אותיות אין די תורה זעלבסט, די אנדערע מסורה איז אז עס געפינט זיך אויסגעשפרייט אין גאנץ תנ"ך, און בלויז עלף געפינען זיך אין די תורה, און אזוי פירט מען זיך היינט, אזוי ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין סוף חלק ב' פון ספר קסת סופר פונעם הייליגן רבי שלמה גאנצפריעד זכותו יגן עלינו, בעל מחבר ספר קיצור שלחן ערוך).

עס זענען דא עטליכע שיטות אין די מסורה פון די גרויסע און קליינע אותיות, מיר ברענגען דא אראפ א ליסטע פון די אותיות [לויט די סדר פון די א"ב], ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין ספר "מחזור ויטרי" (הלכות ספר תורה, סימן תקכב):

מכתיבות רבנו יוסי טוב עלם העתקתי אלפא ביתא מאותיות גדולות שבתורה.

**א**שריך ישראל (דברים לג, כט), **ב**ראשית (בראשית א, א), והת**ג**לח (ויקרא יג, לב), ה' אח**ד** (דברים י, ד), **ה**לה' תגמלו (דברים לב, ו), על ג**ח**ון (ויקרא יא, מב), הכ**ז**ונה (בראשית לד, לא), **ח**כלילי (בראשית מט, יב), ותרא אתו כי **ט**וב הוא (שמות ב, ב), **י**גדל נא כח ה' (במדבר יד, יז), והתמ**כ**רתם (דברים כח, סח), ויש**ל**יכם (דברים כט, כז), **מ**ה טובו אהליך (במדבר כד, ה), וירא יוסף לאפרים בני שלשי**ם** (בראשית נ, כג), **נ**צר חסד לאלפים (שמות לד, ז), משפט**ן** (במדבר כז, ה), ויה**ס** כלב (במדבר יג, ל), שמ**ע** ישראל (דברים ו, ד), ו**פ**תלתל (דברים לב, ה), ובהעטי**ף** (בראשית ל, מב), **צ**א אתה וכל העם אשר ברגליך (שמות יא, ח), ועשית צי**ץ** [דואתה תצוה] (שמות כח, לו), כי יקרא **ק**ן צפור (דברים כב, י), לא תשתחוה לאל אח**ר** [פלוגתא] (שמות לד, יד), ער**ש** ברזל (דברים ג, א), **ת**מים תהיה עם ה' אלקיך (דברים יח, יג). ומוספי ביה ג' דלגלגלותם ול' דלג**ל**גלתם דלבני שמעון **(במדבר א, ב)**.

(אן די ענדע אותיות, און די צוגעלייגטע ג' און ל' איז דאס צוויי און צוואנציג אותיות).

**המשך יבוא בעז"ה קומענדיגע וואך.**

# וועלטעלע




## די הארמוז וואסער-וועג איבערקערעניש

די ביזנעס וועלט פאלגט נאך מיט גרויס שפאנונג די עסקאלאציע אינעם הארמוז וואסער-וועג, וואו כמעט צוואנציג פראצענט פון די וועלט'ס אויל פארט דורך אין א געווענליכע טאג. נאך די לעצטיגע מיליטערישע קאנפליקט, שטייען צענדליגער טאנקער-שיפן געשטראנדעט, און פרעזידענט טראמפ האט ארויסגעגעבן א שארפע ווארענונג צו איראן אז אויב דער וועג ווערט נישט פולשטענדיג געעפנט, וועט די אמעריקאנער ארמיי רעאגירן גאר מאכטפול.

דאס האט געפירט אז די אויל פרייזן זאלן זיך שטארק הייבן, א זאך וואס לאזט נישט פילע ביזנעסלייט שלאפן רואיג.

אפיציעל איז מען שוין איינגעגאנגען פאר א צוויי וואכעדיגע פייער אפשטעל אינעם קריג, בתנאי איז די הארמוז וואסער-וועג ווערט געעפנט, אבער אין פאקט איז עס נאך ווייט פון דעם.

דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ רעדט אלץ גאר ברייט פון זיינע זיגן, און וואס ער טוט אלץ אויף, ער בלאזט גאר אסאך פון זיך, אבער מיר אידן ווייסן אז ער קען אונז נישט בעסער אדער חלילה ערגער מאכן, מיר זענען אין די הענט פונעם אייבערשטן.

## די געוואגטע רעטונג אקציע

אז מען רעדט שוין פון די מלחמה פון אמעריקע אין איראן איז אינטערעסאנט צו באריכטן דעם גאר דראמאטישע רעטונג אפעראציע וואס האט זיך אפגעשפילט אין איראן פארגאנגענעם שבת חול המועד פסח ווען די אמעריקאנער מיליטער האט דורכגעפירט א ראטעווען־מיסיע טיף אין איראנער טעריטאריע, צו ראטעווען א פארוואונדעטן לופט־סאלדאט, נאכדעם וואס זיין קעמף־פליגער איז אראפגעשאסן געווארן.

די געשיכטע האט זיך אנגעהויבן ווען א אמעריקאנער F-15E קעמף־פליגער איז אראפגעשאסן געווארן איבער איראן. אויפן פליגער זענען געווען צוויי crew־מיטגלידער, וועלכע האבן זיך געמוזט ראטעווען און ארויסטאנצן מיט א פרעשוט די לעצטן מינוט.

ביידע זענען געפאלן אין א געפערליכע סביבה – טיף אין פיינטליכע טעריטאריע. איינער פון זיי איז שנעל געפונען און ארויסגעפירט געווארן. אבער דער צווייטער איז פארשוואונדן געווארן אין א שווערע בערגיגע געגנט – פארוואונדעט און אליין.

דער פארוואונדעטער סאלדאט האט איבערגעלעבט כמעט 48 שעה אין די בערג פון איראן, אונטער גאר שווערע אומשטענדן. ער האט געדארפט זיך באהאלטן פון איראנער טרופן וואס האבן אים געזוכט. זיך אליין באהאנדלען זיינע וואונדן. נוצן זיין טרענירונג צו בלייבן לעבעדיג. זיך פארמיידן פון ווערן געפונען דורך לאקאלע מענטשן אדער מיליטערישע פאטראלן.

אין דער זעלבער צייט האבן איראנער קרעפטן שטארק געזוכט דעם סאלדאט, און לויט באריכטן איז אפילו ארויסגעשטעלט געווארן א באלאנונג פאר ווער עס וועט אים כאפן.

די אמעריקאנער מיליטער האט אין די זעלבע צייט נישט געווארט עס זאל זיך ענדיגן פאטאל. זיי האבן צוגעגרייט א גרויסע און קאמפליצירטע ראטעווען־אפעראציע.

מער ווי 150 פליגער און העליקאפטערס האבן זיך באטייליגט

אים רעטונגע אקציע. עליט־איינהייטן ווי Special Forces און Navy SEALs זענען אריין טיף אין איראן.

אינטעלידזשענס־אינסטאנצן האבן געניצט טייערע טעכנאלאגיע און פארפירונג צו פארדרייען די פיינט.

די אפעראציע איז דורכגעפירט געווארן אין טיפסטע סודיות.

די כוחות זענען אריין אין א געגנט וואס איז געווען פול מיט סכנות – מיט איראנער מיליטערישע אקטיוויטעט און שווערע טעריין.

בעת די ראטעווען האט זיך אנטוויקלט א ריכטיגער קאנפליקט: אמעריקאנער העליקאפטערס זענען געקומען אונטער פייער. עטליכע זענען געשעדיגט געווארן. אין געוויסע פאלן האט מען געדארפט חרוב מאכן עקוויפמענט כדי עס זאל נישט פאלן אין פיינטליכע הענט. די סיטואציע איז געווען עקסטרעם געפערליך – אבער די מיליטער האט ווייטער דורכגעפירט זייער מיסיע מיט גרויס קאלטקייט און פראפעסיאנאלקייט אזוי ווי מען לערנט זיי אויס צו פייטן ביזן סוף.

צום סוף האבן זיי מצליח געווען צו געפינען דעם פארוואונדעטן סאלדאט אין די בערג.

מען האט אים שנעל אידענטיפיצירט. ער איז געווארן ארויסגעפירט מיט העליקאפטער און איז איבערגעגעבן געווארן צו מעדיצינישע באהאנדלונג. ביידע crew־מיטגלידער פונעם פליגער זענען צום סוף געראטעוועט געווארן.

מען דארף פייטן ביזן סוף, מען טאר נישט זיך אפשטעלן אינמיטן א קאמפ, אויב יא קען מען זיך טרעפן פלוצלינג אינעם שונא'ס הענט, מען דארף קעמפן ביז מען זעט זיך ארויס פונעם יצר הרע'ס הענט. שריי צום אייבערשטן פון דארט וואו דו ביזט, וועסטו זען ער וועט דיר קומען העלפן.

צוריק א מינוט צום הארמוז וואסער־וועג; אמת אז עס שטייען צענדליגער גיגאנטישע טאנקער־שיפן געשטראנדעט ביי ביידע זייטן פונעם שמאלן וואסער־וועג, אבער די שאלה איז: וואס טוט זיך מיט אונז? מיר דארפן דאך אויך א וועג דורכצופארן דעם שמאלן וואסער־וועג. נישט נאר איין וואסער־וועג, נאר יעדן טאג קומען פרישע כוואליעס און שטורעמס וואס ווילן אונז דערטרענקען. וויאזוי קענען מיר דאס אלעס דורכשווימען?

דער הייליגער רבי דערציילט (אין סיפורי מעשיות) איבער דעם מענטש וואס איז דורכגעגאנגען די "זיבן וואסערן". די זיבן וואסערן זענען נישט קיין פיזישע וואסערן; דאס זענען די שווערקייטן און די מניעות וואס מיר אלע באגעגענען טאג־טעגליך אין אונזער לעבן. אמאל איז עס א דאגה פון געלט – וויאזוי וועל איך דעקן דעם חודש – און אמאל איז א מענטש פארלוירן אין זיך אליינס.

דער רבי אבער לאזט אונז נישט איבער אויפ'ן וואסער בלויז מיט א פראבלעם, נאר ער גיבט אונז עצות למעשה. די עצה איז אמונה און בטחון: צו וויסן אז דער אייבערשטער פירט אלעס, סיי צי דער "סטרעיט אוף הארמוז" זאל זיין אפן, און סיי צי מיין באנק אקאונט זאל האבן דעקונג.

די צווייטע עצה וואס דער הייליגער רבי גיבט אונז, איז א שליסל וואס עפנט אויף אלע פארשפארטע וועגן: די תורה פון "אזמרה" - זיך צו פאקוסן אויף די גוטע פינטלעך. אפילו ווען אלעס זעט אויס שווארץ, טרעף דאס ביסל גוטס; דאס וועט דיר העלפן זיך האלטן העכער וואסער ביז דער קריזיס וועט דורכגיין בסייעתא דשמיא.

טראמפ זאגט אז ער וועט ברענגען שלום אויף דער וועלט. אבער וואס האב איך דערפון ווען אלע לענדער שמייכלען איינס צום צווייטן, אבער איך בין צוריסן פון אינעווייניג? אויב מ'בעט נישט דעם אייבערשטן מען זאל זיין פרייליך און צופרידן, איז עס פיל ערגער ווי ווען איראן און אמעריקע קריגן זיך. אויב איך קען נישט שלאפן ביינאכט פון פחדים און פאביעס, אין שלום בעצמי קען מען זיך פיל גרינגער דערטרענקען ווי ווען מען פארט דורך דעם הארמוז.

לאמיר זיך אנגארטלען מיט די זיסע עצות און וויסן אז דער גאנצער טומל איז בלויז א נסיון, צו זען אויב מיר וועלן האלטן דעם קאפ גראד און געדענקען אז ער איז דער וואס פירט אלעס. אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו דעם וואס דוד המלך זאגט אין תהלים: "בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני". אפילו ווען אינדרויסן שטורמט, בין איך רואיג, ווייל איך ווייס אז דער אייבערשטער פירט אונז דורך רואיגע וואסערן.

***עזרי מעם השם עושה שמים וארץ***

# אלץ און אלעמען




## מזרח, מערב און דרום אידן

**שאלה**

פארוואס ווערן די טייערע ספרד'ישע אידן אנגערופן "עדות המזרח"? זיי קומען דאך פון תימן, וואס איז לכאורה "דרום", ווי דער טייטש פונעםווארט "תימנה" אין חומש?

ישר כח,

ג. מזרחי

**ענטפער**

צום ערשט פארן ענטפערן די שאלה לאמיר אביסל מאכן סדר: ווען מען רעדט פון "עדות המזרח", מיינט מען בדרך כלל נישט די אידן פון תימן. ביי אשכנזים זענען דא וואס רופן יעדן וואס איז נישט אשכנזיש "ספרד'יש", וואס איז אויך נישט אינגאנצן ריכטיג, ווייל "ספרד" מיינט שפאניע, בשעת "עדות המזרח" באציט זיך צו עפעס אנדערש.

די צעטיילונג צווישן 'מזרח' און 'מערב' שטאמט נאך פון די צייטן פון די רוימישע אימפעריע. במשך די יארן איז די רוימישע אימפעריע צעטיילט געווארן אין צוויי חלקים: די "מערב רוימישע אימפעריע" מיט דער הויפטשטאט אין רוים, און די "מזרח רוימישע אימפעריע" (וואס מען האט שפעטער גערופן די "ביזאנטישע אימפעריע"). וואס זייער הויפטשטאט איז געווען קאנסטאנטינאפאל (היינט הייסט די שטאט "איסטאנבול", די הויפטשטאט פון טערקיי).

כאטש די אימפעריעס זענען שוין לאנג צעפאלן, זענען די באגריפן 'מזרח' און 'מערב' פארבליבן אין אונזער לעקסיקאן. 'מערב' (אדער "די וועסט" ווי מען רופט עס אין ענגליש) באציט זיך צו אייראפע - וואו די אשכנזישע אידן האבן געוואוינט אונטער דער מערב רוימישער אימפעריע, און 'מזרח' ("איסט") באציט זיך צו די לענדער וואס זענען געווען אונטער דער מזרח-אימפעריע, ווי איראק, איראן, סיריע און טערקיי.

יעצט בנוגע תימן: די אידן פון תימן האט מען קיינמאל נישט אריינגערעכנט אין די "עדות המזרח". עס איז שטארק מסתבר אז דער נאמען 'תימן' שטאמט דערפון וואס עס געפינט זיך אין דרום - סיי עס איז דרום פון ארץ ישראל, און סיי עס איז די מערסטע דרום פונעם אראבישן האלב-אינזל. אויסערדעם וואס תימן איז קיינמאל נישט געווען אונטערגעווארפן אונטער די רוימישע אימפעריע, צוליב דעם וואס עס איז געווען זייער שווער אנצוקומען אהין פון אנדערע לענדער, איז זייער קולטור, מנהגים און מסורה געבליבן אפגעהיטן און זייער אייגנארטיג. אויב אשכנזישע אידן און עדות המזרח אידן זענען אנדערש, זענען די תימנער נאך פיל מער אנדערש פון זיי ביידע.

דאס וואס מען רעכענט אסאך מאל אריין "ספרדישע אידן" אין די "עדות המזרח", איז בעיקר צוליב דעם וואס נאך גירוש שפאניע און פארטוגאל זענען פילע אידן, ובתוכם פילע גדולי ישראל פון "שפאניע-ספרד", אנטלאפן צו די "מזרח" לענדער, און אין פילע קהילות זענען די צוויי קרייזן געווארן שטארק אויסגעמישט.

למעשה קען מען עס יעצט צוטיילן צווישן "מזרח" - אייראפע/ אשכנז, "מערב" - די אראבישע לענדער, און "דרום" - די אידן פון תימן. אבער כאטש יעדער האט זיין אייגנארטיגע מסורה מיט אנדערע מנהגים און קולטור, זענען מיר אלע קינדער פון איין טאטן, און מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן די תמימות פון די מזרח און דרום אידן.

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אלץ זאגן אז ער איז מקנא די תמימות פון די טייערע ספרדישע אידן. אבער כאטש מען האט ביי אונז אזויפיל גערעדט איבער די שיינקייט פון תמימות, זאגט דער רבי (שיחות הר"ן סימן נ"א) אז "גם בתמימות אסור להיות שוטה" (אפילו מען איז תמימות'דיג, טאר מען נישט זיין קיין נאר). דאס איז טאקע געווען דער חורבן פון די פילע ערליכע אידן פון עדות המזרח וועלכע די ציונים האבן ארויפגעברענגט קיין ארץ ישראל; זיי האבן אויסגענוצט זייער תמימות און געשטעלט "רבנים מטעם" וואס האבן זיי פארקויפט טריפות אלס כשר, און זיי איינגערעדט כאילו אין ארץ ישראל דארף מען שוין נישט היטן תורה ומצוות רח"ל, און די טייערע הייליגע ספרדישע אידן האבן עס אנגענומען צוליב "כבוד הרב".

פון די אנדערע זייט אבער, האבן די ציונים נישט באוויזן אויסצורייסן די אמונה פון די טייערע ספרדישע אידן. נישט קיין חילוק וויאזוי זיי זענען נעבעך געפאלן, לעבן זיי אבער נאך מיט אזא זיסע אמונה, און א דאנק די אמונה קומען זיי צוריק זייער שנעל. די מפיצים פארציילן ווי צענדליגער טויזנטער אידן מעדות המזרח קומען צוריק צום אייבערשטן דורך הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו שפירן דעם אייבערשטן מיט אן אמת, און האבן די ריכטיגע מאס תמימות, וועט אונז זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

***מזרח מעריב דרום צפון.***

## שרייבער מיט אגענדעס

**שאלה**

איך הער כסדר רעדן איבער "פעיק ניוז", בפרט אין צוזאמענהאנג מיט אונזער פרעזידענט, וועלכער האלט אין איין פארהאלטן די מידיע אז זיי זענען איינזייטיג; אז אנשטאט זיין אומאפהענגיגע "זשורנאליסטן", זענען זיי פשוט'ע פארטיי אקטיוויסטן וואס זוכן אים נאר ארונטערצורייסן. מיין שאלה איז: צי איז עס טאקע אזוי? זענען טאקע אלע צייטונגס-שרייבער בעלי אגענדעס און נגיעות? און במחילת כבודך, אויב מעג איך פרעגן, וויאזוי ווייס איך אז איר שרייבט טאקע יא דעם אמת און איר פארדרייט נישט די נייעס באריככן?

איר פרעגט זייער גוט, און איר מעגט טאקע פרעגן. יעצט האלטן מיר דאך ממש נאך דעם הייליגן יום טוב פסח, ווען יעדער טאטע זוכט אז די קינדער זאלן טאקע פרעגן; ווי חז"ל האבן איינגעפירט צו מאכן פארשידענע זאכן ביים סדר בלויז כדי די קינדער זאלן פרעגן, ווייל א תשובה וואס מען באקומט נאכ'ן פרעגן גייט בעסער אריין אין די קינדער.

דער ציל יעצט איז אז מען זאל חזר'ן מיט זיך און מיט די קינדער די הייליגע אמונה, אנגעהויבן פון אברהם אבינו, ווי ער האט איינערקענט אז עס קען נישט זיין אז די וועלט פירט זיך אליינס; ער איז געשטאנען אליינס קעגן די גאנצע וועלט וואס האט געלאכט פון אים, אבער ער איז איבערגעקומען אלע נסיונות.

דערנאך זענען ארויסגעקומען פון אים די שבטי ק-ה, וועלכע דער אויבערשטער האט געוואלט זאלן אויסגעפרואווט ווערן מיט'ן גלות מצרים. דער אויבערשטער האט געוואלט זען צו וועם זיי וועלן זיך ווענדן, און ווען זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן, האט ער איבערגעדרייט די טבע און געוויזן די גרויסע נסים וואס מיר דערציילן פסח ביינאכט, און אזוי זענען די אידן ארויס פון מצרים.

יעצט צו דיין שאלה, צי שרייבער האבן אגענדעס. יא, יעדער שרייבער, אפילו ער זאל באמת פרובירן צו זיין אביעקטיוו, איז עס נישט מעגליך; א בשר ודם האט נגיעות, און עס וועט בהחלט ארויסקומען ביים שרייבן.

א שרייבער וואס איז לינק וועט עס נישט קענען באהאלטן, ער וועט שרייבן אויף א וועג וואס וועט פרובירן אויפצואווייזן פאר זיינע ליינער די גערעכטיגקייט פון די לינקע מיינונג, און דאס זעלבע וועט זיין אויף רעכטס. א שרייבער וואס ליינט נארישקייטן און הערט אויס פאדקעסטס פון לצים, וועט ארייננגיין א גיפט אין זיין שרייבווערק. דערפאר איז זייער וויכטיג אכטונג צו געבן וואס מען הערט און ליינט.

מיר דא אינעם "בלעטל" זענען אויך נישט קיין יוצאים מן הכלל; מיר האבן אלע קלארע נגיעות, ארייננגערעכנט אונזער ארטיקל. אונזער ציל איז ארייננצוברענגען אין אונז די פשוט'ע אמונה א גאנץ יאר, נישט נאר פסח ביינאכט, אויף יעדן מעגליכן אופן. איינע פון די וועגן איז דורך נייעס; פון יעדע נייעס, אויב מען קוקט נאר אביסל טיפער, קען מען זען דעם אייבערשטן.

***מכל הדברים צוזעק כבוד השם יתברך** (שיחות הר"ן נ"ב)*

# תלמוד תורה היכל הקודש

**בעזהשי"ת - יום ב' פרשת אחרי, כ"ד ניסן, ט' לעומר, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד מיין טייערע ... ני"ו

עס איז מיר א גרויסע שמחה אז נעכטן אסרו חג פסח איז געווארן זעקס יאר פון ווען מיר האבן געעפענט דעם תלמוד תורה "היכל הקודש" ברסלב אין וויליאמסבורג.

דאס איז געווען נאכדעם וואס מען האט ארויסגעווארפן מיינע קינדער פון חדר נאר ווייל איך האב געעפענט די ישיבה און איך האב מחזק געווען בחורים, איך האב פרובירט צו גיין בעטן ביי תלמוד תורה'ס אז מען זאל אריין נעמען מיינע קינדער אבער קיינער האט זיי נישט געוואלט אריין נעמען, האבן מיר געעפענט אסרו חג פסח תש"ע לפ"ק די תלמוד תורה, און ברוך השם אז מיר האבן זיך נישט וואס צו שעמען פון קיין איין תלמוד תורה אויף דער וועלט.

יעדן צופרי גייענדיג אין ישיבה זע איך ווי די באסעס נעמען צוזאם די קינדער, און פון יעדע באס טאנצט אראפ א מלמד מיט א שמייכל פון איין אויער ביזן צווייטן און שרייט הויעך "א גוט מארגן", און דאס זעלבע איז נאכמיטאג, מען ברענגט צוריק די קינדער און מען לייגט זיי אראפ מיט א שמייכל און מען שרייט "א גוטן טאג", ווען איך זע דאס דערמאן איך זיך וואס ר' נתן האט געזאגט ווען ער איז אמאל אריבער שמחת תורה ביינאכט דעם ... קלויז (וואס זיי האבן גע'רודפ'ט רבי נתן אן קיין רחמנות, אמאל איז געווען פונקט אזוי ווי היינט, אויב איינער האלט נישט אזוי ווי דיר מיינט מען אז דארף יענעם רודפ'ן), און רבי נתן האט געהערט ווי זיי זאגן מיט א ברען "אתה הראֵתָ לדעת" האט ער געהאט אויף א מינוט חלישות הדעת, ווייל זיי האבן געקריגט אויפן רבי'ן, און דא זעט זיך אויס ווי זיי ברענען צום אייבערשטן.

האט רבי נתן זיך אנגערופן א מורא'דיגע דיבור: "וואס טוט זיך פארן "אתה הראתָ" און וואס טוט זיך נאכן "אתה הראתָ" ווייסט נאר דער אייבערשטער אליין. דאס זעלבע טראכט איך יעדע צופרי ווען איך זעה ווי מען שרייט אויס מיט א שמייכל "א גוט מארגן"; וואס טוט זיך נאכן "א גוט מארגן" און וואס טוט זיך פארן "א גוטן טאג" ווייסט נאר דער אייבערשטער אליין, צי דער קינד באקומט נאך א שמייכל פון איינעם במשך דעם טאג ווען די עלטערן זעהן נישט? צי דער קינד באקומט אזא שיינע גוטע טאג אדער ווען קיינער זעט נישט כאפט



## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה אחרי תשע"ו**

ער א גוטן ציפ וכדומה.

ברוך השם אז מיר געבן אכטונג אויף די קינדער; איך האב באקומען א מתנה פון הימל מלמדים מיט א מנהל, טיטשערס מיט א מנהלת, וואס איז נישט דא זייערס גלייכן און קיין שום אנדערע מוסדות. מוהרא"ש האט מיר געשריבן אין א בריוו אז איך זאל מיך מתוודה זיין יעדן טאג פארן אייבערשטן, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות דרך ח"ב, סימן א) "**על ידי וידוי דברים גורמין שהקדוש ברוך הוא מזמין מלמדי תינוקות שלומדים באמונה**". אז מען איז זיך מתוודה געט דער אייבערשטער גוטע און ערליכע מלמדים, און דאס טו איך יעדן טאג, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל וכו', און ברוך השם אז מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

עס איז נישט שייך מסביר צו זיין וואס מען באקומט אז די קינדער לערנען אין "היכל הקודש", אבער אביסל מענינא דיומא: עס דרייט זיך יעצט ארום א רעקארדירונג, און די גאנצע שטאט איז אויף מיט דעם, ווי א מנהל שפילט זיך מיט א קינד וכו' וכו', נישט קיין חילוק וואס די מעשה איז, אבער דאס איז זיכער אז די מאמע איז געווען רואיג ווען דער מלמד האט צופרי געשריגן מיטן שמייכל א גוט מארגן וכו', ברוך השם ביי אונז רעדט מען פון דעם און מען לייגט אריין און די קינדער אז קיינער קען דיר נישט אנרירן, נישט קיין חילוק צו דער מלמד צו דיינע אייגענע עלטערן צו דער רשכבה"ג וכו', און אויב איינער שפילט זיך מיט דיר און רירט דיך צו אויף די פלעצער וואס דארף זיין פריוואט וכו' דארפסטו פארציילן. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס איך הער צאם א טאג פון אומשולדיגע בחורים וואס האבן נישט געוואוסט זיך צו היטן פון מענטשן, און זענען נעבעך אריין געפאלן מיט א מנוול רח"ל, און זיי מוטשענען זיך א גאנץ לעבן, נו לאמיר זינגען צוזאמען: **אִלּוּ – מיר זאלן נישט האבן דעם תלמוד תורה נאר אויס צולערנען די קינדער אכטונג צו געבן פון מנוולים – דַּיֵּנוּ.**

ברוך השם אז די מלמדים רעדן מיטן מויל צו די קינדער און מען דארף נישט רעדן מיט די הענט, אפילו מענטשן זאגן: נַא, היינט שלאגט מען שוין נישט וכו'; איך האב תלמידים וואס דרייוון פאר מוסדות דא אין וויליאמסבורג, און זיי פארציילן מיר וואס קינדער כאפן אלץ צאם נאר אויפן באס, נו לאמיר זינגען צוזאמען: **אִלּוּ – מיר זאלן נישט האבן דעם תלמוד תורה נאר אז די קינדער זאלן נישט כאפן קיין פעטש – דַּיֵּנוּ.**

ברוך השם אז מען פארשעמט נישט די קינדער ביים פארהערן, און מען מאכט נישט קיין אויסנאם פון א גוטע קאפ צו א שוואכע קאפ וכו', מען לערנט מיט די קינדער, און ווער עס פארשטייט איז גוט און ווער נישט איז אויך גוט, דער עיקר דגוש לייגט מען אז די קינדער זאלן לעבן מיט יראת שמים און זיי זאלן ליב האבן צו זיין א איד און נישט מיינען אז דער גוי מאכט א לעבן און מיר זענען נעבעך אידן און מיר קענען גארנישט טון וכו'. נו לאמיר זינגען צוזאמען: **אִלּוּ – מיר זאלן נישט האבן דעם תלמוד תורה נאר אז אונזערע קינדער זאלן נישט פארשעמט ווערן ביים פארהערן – דַּיֵּנוּ.**

ברוך השם אז אונזערע קינדער שעמען זיך נישט מיט ברסלב, און זיי וואקסן אויף מיטן רבי'ן, זיי לעבן מיטן רבי'ן. אלע וואס פלעגן קומען צו מוהרא"ש און זיי פלעגן האבן זייער גאנצע חיות פון מוהרא"ש זענען מיט די צייט אוועקגעגאנגען, און דאס איז אנגעגאנגען פאר איבער פופציג יאר.

איינע פון די הויפט סיבות דערצו איז ווייל די קינדער האבן זיך געשעמט מיט ברסלב, ליידער איז ברסלב א חוזק אין אנדערע מוסדות, און ווען עס קומט אויס צו שמועסן פון ברסלב אדער פון אומאן, און ווער רעדט נאך אז מען שמועסט פון "הפצה", לאכט מען און מען שפעט אפ פון דעם, און די קינדער וואס זייערע עלטערן זענען ברסלב'ע שעמען זיך זייער שטארק, און זיי מאכן אפ ביי זיך אז זיי גייען נישט וועלן האבן קיין שום שייכות צו ברסלב.

אינגעלייט און בחורים האבן מיר דערציילט ווי זיי פלעגן ווערן רויט פאר בושה ווען ר' נתן יאקאבאוויטש נ"י און יענקל פלעגן אנקומען צו זיי אין ישיבה און מען פלעגט שפעטן פון זיי, דער פנים האט זיי געפלאקערט און זיי פלעגן וועלן אנטלויפן פאר בושה, און זיי האבן שוין געהאט פערטיגע פלענער וואס זיי וועלן טון נאך זייער חתונה, אבער ברוך השם די קינדער דא אין מוסד שעמען זיך נישט מיט ברסלב, זיי גייען "הפצה" אן קיין בושה, און זיי רעדן א גאנץ יאר פון אומאן. נו לאמיר זינגען צוזאמען: **אִלּוּ – מיר זאלן נישט האבן דעם תלמוד תורה נאר אז אונזערע קינדער זאלן זיך נישט שעמען מיט ברסלב – דַּיֵּנוּ.** עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה טוֹבָה כְּפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת לַמָּקוֹם עָלֵינוּ: אז מיר האבן א ריינע פלאץ וואו די קינדער וואקסן אויף מיטן הייליגן רבי'ן וכו' וכו'.

**א גוטן טאג.**

# פּשרה'לאַך



אין

*קורצן פון פריער: ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין אמעריקע.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. ער האט חתונה געמאכט זיין טאכטער אסתר.*

**און יעצט לייענט ווייטער.**

די נעקסטע טאכטער פריידא איז אונטערגעוואקסן. זי איז שוין געווען זעכצן יאר אלט און רבי יעקב יוסף האט געזוכט א שידוך פאר איר.

איין טאג האבן די עלטערן געכאפט א שמועס מיט איר און איר דערציילט איבער א שידוך וואס מען טראגט איר אן.

צו דער איבערראשונג פון די עלטערן האט פריידא זיך קאטעגאריש אנטקעגנגעשטעלט. זי וויל בשום אופן נישט די שידוך.

ווען די עלטערן האבן אויסגעדרוקט שטוינונג און זיך געוואונדערט דערויף, האט פריידא מסביר געווען.

"איך בין איין טאג געווען אין חצר און געזען ווי א קעצל איז אים אריבערגעלאפן (ווייזט אויס ער איז געווען א שכן). דאס קעצל האט אים בטעות אנגערירט און דער בחור האט עס געגעבן א ווילדע שטויס אוועק מיט די פיס. אזא איינער קען נישט האבן א ווייך גוט הארץ."

די מאמע האט איר פרובירט צו זאגן אז זי קען נישט פסק'ענען פון אזא פאל, אבער דער טאטע האט איר געגעבן גערעכט און געזאגט, "איך מיין אז מיר זאלן נישט לייגן קיין דרוק אויף פריידא'ן."

**נחום דוד גייט אין ישיבה**

ווען רבי יעקב יוסף'ס אייניציגער זון איז אלט געווארן פופצן יאר, האט אים רבי יעקב יוסף געשיקט קיין ניו העיווען, קאנעטיקוט, וואס האט דאן פארמאגט אן ערליכע ישיבה. עס איז נישט גרינג געווען פאר די מאמע צו זיין אזוי ווייט פון איר בן יחיד (אן קיין סעלפאונס...), אבער זי האט דאס געטון מיט מסירת נפש אז נחום דוד זאל שטייגן אין תורה.

איין טאג איז דער ראש ישיבה פון ישיבת חברון, רבי משה מרדכי עפשטיין זי"ע, געקומען איינשטיין ביי די הערמאנ'ס. דער ראש ישיבה האט זייער צוגערעדט רבי יעקב יוסף צו שיקן נחום דוד צו די חברונ'ער ישיבה. רבי יעקב יוסף איז איינגעגאנגען דערויף און נחום דוד איז אפגעפארן קיין ארץ ישראל.

אין יענע יארן תרפ"ה (1925) איז דאס נישט געווען א באקאנטע זאך, און ער איז געווען איינער פון די ערשטע בחורים וואס זענען געפארן קיין אויסלאנד לערנען תורה.

נחום דוד איז דארט געזעסן און געלערנט אפאר יאר.

איין פארטאגס האט זיך מרת הערמאן אויפגעוועקט זייער דערשראקן. זי האט אויפגעוועקט איר מאן און אנגעהויבן צו וויינען.

איר מאן האט זי געפרעגט וואס עס גייט פאר, האט זי דערציילט אז זי האט געהאט זייער א שרעקעדיגן חלום.

אין חלום האט מרת הערמאן דערהערט א יאמערליכן געוויין. זי איז נאכגעגאנגען דעם קול און אנגעקומען צו א פארמאכטע טיר. אין חלום האט זי שטילערהייט געעפנט די טיר און



## מ. מאנן 15

אריינגעבליקט.

עס איז געווען א גרויסער ליידיגער צימער און א ריזיגער ארון איז געלעגן אויף דער ערד. נעבן דעם איז געווען א קליין בענקל וואס א פרוי איז געזעסן דערויף.

אפילו די פרוי איז געזעסן, האט מען נאך געקענט דערקענען אז זי איז זייער הויך.

פלוצלינג האט מרת הערמאן געהערט ווי איינער זאגט איר אריין אין די אויער, "אין דעם ארון ליגט אברהם אבינו און די פרוי וואס זיצט דא איז שרה אמינו."

(הגם שרה איז נפטר געווארן פאר אברהם, אבער אזוי האט זי זיך גע'חלומ'ט)

ווען מרת הערמאן האט דאס געהערט, האט זי אנגעהויבן זייער צו שרייען און וויינען און זיך צעריסן אירע קליידער און געזאגט אז זי גייט נישט ארויס פון דעם צימער איידער אירע תפילות ווערן נתקבל.

פלוצלינג האט זיך דער ארון געעפנט און דער פנים פון אברהם אבינו האט זיך באוויזן. זיינע אויגן זענען געווען פארמאכט, אבער טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן אויף זיין לאנגע ווייסע בארד. שרה אמינו האט אנגעכאפט מרת הערמאן'ס האנט און איר געזאגט, "קענסט שוין גיין, דיינע תפילות זענען נתקבל געווארן."

מרת הערמאן האט זיך גלייך דערנאך אויפגעכאפט, אבער דער חלום איז געווען שארף און קריסטאל קלאר.

זי האט פריש אויסגעבראכן אין א געוויין און זיך נישט געקענט בארואיגן.

רבי יעקב יוסף איז געזעסן מיט די שטערן אנגעלאנט אויף די האנט פלאך און איז געווען זייער פארטיפט אין זיינע געדאנקען.

"יעקב יוסף, דו קענסט דאך גוט פותר חלום זיין. וואס מיינט דער חלום?"

רבי יעקב יוסף האט זיך אויפגעשאקלט, ממש ווי אויפגעוועקט, און געזאגט, "דאס איז א גוטער חלום. זען גרויסע מענטשן אין חלום איז אלעמאל א גוטער סימן. דו האסט געהאט די געוואלדיגע זכיה פון זען אברהם אבינו און שרה אמינו. דיינע תפילות, וואס זיי זאלן זיין, וועלן אנגענומען ווערן."

רבי יעקב יוסף האט זיך ווידער פארטראכט און זיך אנגערופן, "ווייסט וואס איך קלער? איך מיין עס איז צייט אהיימצוברענגען נחום דוד און אים א חתן מאכן."

מרת הערמאן האט זיך אויסגעדרייט שאקירט, "וואס האסטו געזאגט און ווי קומט עס דא אריין?"

רבי יעקב יוסף האט איר איבערגעזאגט וואס ער טראכט.

"אבער דו ווילסט דאך אזוי שטארק אז ער זאל זיך משלים זיין אין לערנען," האט זי נישט פארשטאנען. "וואס האט יעצט פאסירט?"

רבי יעקב יוסף האט נישט געענטפערט, נאר זיך ווייטער פארטראכט. נאכדעם האט ער געזאגט, "עס שטייט בן שמונה עשרה לחופה. מען דארף טון וואס חז"ל זאגן."

רבי יעקב יוסף איז געווארן מער אנטשלאסן מיט יעדע פארבייגייענדע מינוט. "איך וויל נחום דוד זאל תיכף אהיימקומען."

מרת הערמאן האט געמאכט א פשרה, "ווייסט וואס, באלד קומט רבי ברוך בער עסן פרישטאג ביי אונז. לאמיר אים פרעגן זיין מיינונג."

רבי יעקב יוסף האט געגעבן זיין צושטימונג.

בערך א שעה דערויף איז רבי ברוך בער אנגעקומען. נאכ'ן עסן האט מרת הערמאן זיך געווענדט צו אים און אים געזאגט, "רבי, איך האב געהאט די נאכט א חלום וואס איך וויל מיטטיילן מיט אייך."

מרת הערמאן האט אנגעהויבן דערציילן איר חלום.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## גמילות חסדים

דער גרויסער גאון רבי חיים קרייזווירט זצ"ל, דער רב פון אנטווערפן, האט זיך אמאל זייער נישט גוט געשפירט ער איז געגאנגען צו א גרויסן דאקטאר, און דער דאקטאר האט אים דיאגנאזירט זאגנדיג: "דו האסט אין דיר ליידער א ביטערע מחלה." דער דאקטאר האט אים געגעבן זייער קלאר צו פארשטיין אז עס איז נישטא קיין וועג ארויס, און דאס מיינט אז ביז א קורצע תקופה גייט ער פארלאזן די וועלט.

ווען דער גאון רבי חיים קרייזווירט האט געהערט אזעלכע ווערטער פונעם דאקטאר, האט ער שנעל געמאכט א חשבון: וואס טו איך דא? אויב איך וועל עס דערציילן פאר מיינע נאנטע, וועלן זיי ארייནפאלן אין א פאניק. האט דער גאון ביי זיך אפגעמאכט אז ער גייט דאס פאר קיינעם נישט דערציילן. אנשטאט דעם, וועט ער זיך ארויסלאזן אויף א נסיעה קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן גרויסן צדיק, דער סטייפלער גאון זכותו יגן עלינו, אים צו פרעגן וואס ער זאל טון אין אזא פינסטערן מצב.

ער איז אריינגעקומען צום סטייפלער גאון, ער האט זיך אויסגעבראכן אין א געוויין און אים דערציילט זיין ביטערן מצב, אז מען זאגט אים פאר די ערגסטע נבואות.

האט זיך דער סטייפלער גאון אנגערופן: "מיר זאגן יעדן טאג 'אלו דברים שאין להם שיעור' - וואס זענען די זאכן וואס האבן נישט קיין שיעור? ביקור חולים, הכנסת כלה, און הלוית המת. פון איין זייט שטייט ביקור חולים און פון די אנדערע זייט שטייט הלוית המת, וואס שטייט אינדערמיט? הכנסת כלה! פארוואס? ווייל אויב א חולה וועט עוסק זיין אין הכנסת כלה און העלפן חתונה מאכן א איד וואס דארף הילף, דאס האלט אפ און מאכט א צווישנשייד פון הלוית המת; עס ראטעוועט דעם מענטש פון שטארבן רח"ל. דעריבער עצה איך דיר," איז דער סטייפלער גאון ממשיך, "זיי עוסק שטילערהייט אין די מצוה פון הכנסת כלה, קיינער זאל נישט וויסן די סיבה פארוואס דו טוסט עס, און דו וועסט זען אז דו וועסט האבן א ישועה און זוכה זיין צו לאנגע, געזונטע און זיסע יארן."

דער גאון רבי חיים האט פארשטייט זיך געפאלגט, און אזוי האט ער געלעבט פאר נאך פינף און צוואנציג יאר. קיינער האט גארנישט מיטגעהאלטן וויאזוי ער ראטעוועט הונדערטער מענטשן פון אונטערגיין, און ערשט נאך זיין פטירה זענען צענדליגע מענטשן געקומען דערציילן ווי ער האט זיי געראטעוועט אין א צייט פון נויט. ערשט דעמאלט האט מען אויסגעפונען די מעשה וואס ער האט געהאט, און וויאזוי די מצוה פון הכנסת כלה ראטעוועט א מענטש פון טויט רח"ל.



דער ראש ישיבה דערציילט, אז מוהרא"ש האט געהאט א תלמיד ביי וועמען מען האט יארן צוריק געטראפן די ביטערע מחלה רח"ל. די דאקטוירים האבן געזאגט אז עס איז נישטא קיין שום היילונג דערפאר, און אז ביז געציילטע וואכן וועט ער שטארבן. דער יונגערמאן האט זיך אפגעזאגט פון זיין ארבעט און אפגעמאכט: "ווי לאנג איך לעב נאך, לאמיר טון עפעס צו דער זאך און העלפן אידן." ער האט אנגעהויבן שאפן געלט פאר נצרכים, און וואונדער איבער וואונדער - דער איד לעבט נאך היינט געזונט און פריש.

שאלות ותשובות הרסלה מכתב התתקיט



דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

קנ"ו

# פארזעצונג פון פריער:

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער הָאט זִיךְ גֶעפוֹילְט אוּן נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס בִּינְדֶען בִּיז דָאנֶערְשְׁטָאג.**

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ מֵיידְל פוּן זַיין טָאכְטֶער חַיָה, גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק מִיט מָאזְלִין אָדֶער פָּאקִין. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן יִסוּרִים, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶעם אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים אוּן פַּיין וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער פוּן דִי קְרֶענְק פוּן דָאס מֵיידְל.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט אִין הַארְץ יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע קְרֶעכְץ פוּן דָאס קִינְד, אוּן עֶר וָואלְט גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי קְרֶענְק אוֹיף זִיךְ אַנְשְׁטָאט אִיר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס מֶען זֶעט אַ "צַדִיק וָטוֹב לוֹ" אוּן אַ "צַדִיק וְרַע לוֹ", אַמָאל גֵייט גוּט פַאר אַ צַדִיק אוּן אַמָאל גֵייט אִים שְׁלֶעכְט, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן נ"ו).

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י אַז אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי חַיִים וִיטַאל זַ"ל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן אַ גֶעוִויסֶע סוֹד, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר אִים.

רֶבִּי חַיִים וִיטַאל הָאט אָבֶּער וַוייטֶער גֶעמוּטְשֶׁעט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אִים גֶעמוּזְט דָאס אוֹיסְזָאגְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ מְתַקֵן זַיין דִי נְשָׁמָה פוּן רֶבִּי חַיִים וִיטַאל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר מוּטְשֶׁעט אִים צוּ וִויסְן דֶעם סוֹד מוּז עֶר אִים דָאס אוֹיסְזָאגְן. אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אִיז דֶער זוּן פוּן אַרִ"י הַקָדוֹשׁ קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם סוֹד פַאר רֶבִּי חַיִים וִיטַאל.

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֵיין? דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט דָאךְ גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד וַוייל רֶבִּי חַיִים וִיטַאל הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט דֶערוֹיף, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם. אָבֶּער דָאס זֶענֶען דִי דַרְכֵּי ה', דִי וֶועגְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט לְגַבֵּי דֶעם וָואס עֶר הָאט יִסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאמִילְיֶע, וָואס דִי אַלֶע יִסוּרִים לַיידְט עֶר נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ מְקַרֵב זַיין זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר טוּט דָאס דָאךְ זִיכֶער נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ זִיכֶער דָאס אַז עֶר זָאל וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין מְקַרֵב צוּ זַיין אוּן מְתַקֵן זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן לַיידְט עֶר צוּלִיבּ דֶעם יִסוּרִים אוּן עוֹנְשִׁים.

מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, אָבֶּער מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען זָאגְן אַ זְכוּת אוֹיף זִיךְ, אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן אַ צַעַר פוּן אַן אַנְדֶערְן קִינְד וָואס אִיז קְרַאנְק חַס וְשָׁלוֹם אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן קִינְד, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט יֶעצְט פוּן דִי קְרֶענְק פוּן זַיין אֵיינִיקְל, עֶר שְׁפִּירְט אוֹיךְ יֶעדֶעס קְרֶעכְץ פוּנֶעם קִינְד אִין זַיין הַארְץ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַבוּרָה פוּן זַיינֶע מְקוּרָבִים, שְׁפִּירְט עֶר אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקֶע צַעַר.

עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעמָאלְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ר' לִיפָּא, וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ פוּן דֶעם גָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע צַעַר אוּן יִסוּרִים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# פאקטן און ציפערן

פון די גרויסארטיגע קמחא דפסחא חלוקה דורך די בית התבשיל שנת תשפ"ו

**איבער 150 משפחות**

איבער הונדערט טויזנט דאללער אין גראסערי

280 באקסעס אייער

150 באקסעס פאטעיטעס

225 זעקלעך צוויבל

140 בא
עפ

200 בא
גרעיפ ד

קרית ב
קרית
מאנ
סטעטן א

4000
פלי

5000 ס
פי

פונקט ווי יעדעס יאר

נישט דא קיין שום חידושים
פסח תשפ"ו

## כאפט א זכות:

זכות העלפער $500 | זכות תומך $1,000 | זכות שיינע איד $1,800 | זכות נגיד $3,600

*sruliHeskel

# התודה והברכה

פאר אלע חשובע נדיבים וואס האבן זיך ווארעם
אנגערופן און ערמעגליכט דעם גרויסן חלוקה וואס
האט ארייננגעשיינט א שמחת יו"ט ביי איבער 150
משפחות פון אנ"ש.

דאס יאר האבן מיר ב"ה פארטיילט איבער:

## $200,000

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן בכפלי כפלים איר
זאלט קענען שטענדיג טיילן ביד רחבה.

קסעס
ל

קסעס
שאוס

רסלב
יואל
סי
איילענד

פונט
ש

לייסעס
ש

**רופט דעם גבאי מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו 917.589.3382**

# היכל הלכה

## הלכות פון די ספירה טעג

**הקדמה קצרה:**

א] שטייט אין מדרש רבה (פר' אמור כ'ח ו') **אמר ר' יוחנן** - האט ר' יוחנן געזאגט, **לעולם אל תהי מצות העומר קלה בעיני** - זאלסט נישט גרינג האלטן די מצוה פון ספירת העומר[01], **שעל ידי מצות העומר זכה אברהם לירש את ארץ כנען** – ווייל דורך די מצוה פון עומר, האט אברהם אבינו ע"ה זוכה געווען צו באקומען ארץ ישראל.

פסח ביינאכט ביים סדר באקומט מען פון אייבערשטן אלע לעכטיגקייטן, מיט אלע הייליגקייטן, אפילו די מענטש טוט גארנישט צו דעם, פשוט דער אייבערשטער שיקט עס אראפ אזיווי א נס, דא האסטו! נאכדעם נעמט עס דער אייבערשטער צוריק כביכול און דער אייבערשטער זאגט "יעצט ארבעט אליינס! צייל ספירה איין טאג און נאך א טאג, און נאך א וואך, און גרייט דיך צו צו קבלת התורה, ביז מ'קומט צום הייליגן יו'ט שבועות[02]."

אזוי ווי די מעשה וואס שטייט אין ספר סידורו של שבת[03], אז ס'איז געווען א דאקטער וואס ער האט געהאט זייער אסאך רפואות, ער האט געקענט אויסהיילן אסאך קראנקע מענטשן, דארט ווי די דאקטער האט געוואוינט איז נישט געווען אסאך חולים, האט ער נישט געהאט וואס צו טון מיט זיינע גוטע רפואות, האט ער געהערט

### הגהות

1) משבצות סקי"ג.) איה"נ בפשטות המדרש דובר על מצות הקרבת העומר שהי' בשמן שבית המקדש היה קיים, ולא על מצות ספירת היום, שנוהג גם בזמנינו, אבל עי' בבני יששכר, מזומרים על חודש ניסן מאמר י"ד שמפרש בהדיא שזה הולך על מצות ספירת העומר עי' שם מש' כתבנו כן.

2) כל זה איתא בבני יששכר הנ"ע אות ג'.

3) שורש א' ענף ב' עלה ט' - די סידורו של שבת ברענגט עס דארט כדי מזביר צו זיין פארוואס די אייבערשטער האט געגעבען פאר כלל ישראל אין מרה פאר די אידן האבן באקומן די גאנצע תורה, לענינינו קומט די מעשה אויך דא אריין.

4) מ' בספר פרי צדיק (לר"ח אייר) וז"ל איתא בכתבי האר"י ז"ל (פרי עץ חיים ספירת העומר פ"ז) בימי הספירה תיקון לפגם הברית, וכתבו רמז על זה, עומר בגמטריא קרי - וכן איתא בבני יששכר קנ"ע.

5) ד"ה מפני.

6) נתיבות עולם נתיב התורה פי"ב.

7) עי' כל זה בס' פרי עץ חיים, שער ספירת העומר פרק ו'.

אז ס'איז דא א פלאץ ווי עס איז דא אסאך חולים ה"י, און קיין רפואות האבען זיי נישט, האט ער געטראכט אז ער גייט דארט אהין גיין - אומר ועושה די דאקטער איז דארט אהין געגאנגען.

ער זיצט דארט א טאג - צוויי - דריי קיינער קומט נישט - קיינער בעט נישט פון זיינע רפואות - די סיבה פארוואס קיינער איז נישט געקומען איז ווייל זיי האבן קיינמאל פון קיין רפואות נישט געהערט, ביי זיי איז אנגענומען אז דאס איז עס, איינער ווערט קראנק ר"ל בלייבט ער אזוי ביז ער שטארבט.

דער דאקטער האט געקלערט וואס טוט מען דא??

ביז ס'איז אים בייגעפאלן אן המצעה, ער איז געגאנגען צו א מענטש וואס איז געווען אויסגעשלאגען און קראנק פון קאפ ביז פיס, און ער האט אים געגעבן שמיראכצער, און קרימ"ס, און רפואות. אזוי ביז אפאר וואכן איז ער פולקאם געזונט געווארן, און ער איז אויסגעהיילט געווארען אינגאנצן. פארשטייט זיך, די שמיעה האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט און די גאנצע שטאט, און ס'איז געפארן פון מויל צו אויער אז "רבותי ס'איז דא א וועג זיך צו היילן" און פארשטייט זיך דער עולם איז געקומען זיך היילן אין די מאסן - און קויפן פון זיינע רפואות...

פסח ביינאכט ווייזט מען פאר א מענטש צו וואס מ'קען אלס צוקומען, מ'געבט פאר א מענטש צו קאסטן, און יעצט הייב אן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף אז איך זאל צוקומען צו די ליכטיגקייטן וואס איך האב געשפירט פסח ביים סדר".

**ב]** אזוי אויך זענען די טעג פון ספירה, דאס איז טעג וואס מען קען פאררעכטען די עבירה פון פגם הברית, און אזוי איז משמע פון הייליגן רבי'ן - דער רבי זאגט אין ספר המידות (ספירת העומר ב.) **ביותר צריך להזהר לטבול לקריו בימי עומר** - א מענטש דארף זיין געווארענט זיך צו טובל'ן אין מקוה, אויב ער איז טמא געווארן אין די טעג פון ספירה.

**ג]** דער ראש ישיבה שליט"א איז מסביר די מצוה פון ציילן ספירה, אז א זאך וואס מען האט ליב, ציילט מען און מען קען שוין קוים ווארטן ס'זאל שוין אנקומען די פרייליכע, גליקליכע מינוט, ווידער א אומבא'טעמ'טע זאך קוקט מען בכלל נישט ארויס אז ס'זאל אנקומען.

מיר ציילן, צו ווייזן מיר קענען שוין קוים ווארטן אויפן הייליגן טאג שבועות וואס מיר וועלן נאכאמאל זוכה זיין צו קבלת התורה!

**ד]** עס איז ידוע וואס שטייט און שולחן ערוך (ס' תצ"ד) אז געוויסע דיני אבילות גייען אן אין די טעג פון ספירה - ווי מיר וועלן מיט'ן אייבערשטענס הילף אויסשמועסן און ערקלערן. די סיבה פארוואס עס גייט אן אביסל דיני אבילות אין די טעג איז אזוי ווי די גמרא פארציילט, (יבמות ס"ב:) **י"ב אלף זוגות תלמידים היו לו לר' עקיבא, מגבת עד אנטריפס** - ר' עקיבא האט געהאט 24,000 תלמידים, **וכולן מתו בפרק אחד** - און זיי זענען אלע געשטארבן און איין צייט, מפני שלא נהגו כבוד זה לזה - ווייל זיי האבן זיך נישט געפירט מיט כבוד איינער צום צווייטען. **תנא, כולם מתו מפסח ועד עצרת** - די צייט איז געווען צעווישן פסח און שבועות, און ווי דער מהרש"א ערקלערט[05], דייקא אין די טעג וואס זענען מסוגל פאר רפואה, אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא (מס' שבת קמ"ז:) **"כולהו שקיינו מדיבחא ועד עצרתא מעלו"** - אז אלע רפואות וואס מען נעמט, פון פסח ביז שבועות העלפט עס! כדי צו ווייזן אז דווקא אין די טעג וואס איז מסוגל פאר רפואה זענען זיי געשטארבען, צו ווייזן אז עס איז אלעס בהשגחה, און עונש אויף דעם שלא נהגו כבוד זה לזה.

און דער מהר"ל[06] לייגט צו אז די טעג זענען מסוגל אויף כבוד התורה, דאס הייסט טעג וואס מ'גרייט זיך צו מקבל זיין די הייליגע תורה, און צו האבען פארשוועכט די כבוד פון די תורה, דורך נישט מכבד זיין תלמידי חכמים, דאס הייסט זיי האבן נישט חשוב געהאלטן יענעמס תורה, דערפאר איז די עונש געקומען דייקא אין די טעג.

אגב, דאס אז חודש אייר איז מסוגל פאר רפואה, דערמאנט דער הייליגער רבי ז"ל אין ליקוטי מוהר"ן (ח"א סי' רע"ז).

## הגהות

8) פר' ראה.

9) זה משכ' דכשמביאין תודה מביאין חלות של שעורים שע"ג כעם שלא כתיב זה בכל מקום, אדרבה במסכת סוטה במשנה דרך קרבנה היתה של שעורים, דכשם שמעשיה מעש, בהמה כך קרבנה מאזל בהמה, ולא שום קרבן אחרת רק עומר של שעורים כדדרשינן במסכת מנחות.

10) מענין לענין באותו ענין: קרבן תודה הוי מחלו', מהו דהיינו דאיתא בג' נדרים (י.) שמתנדב אדם תודה ולחמה כל זמן שירצה, ורש"י במנחות ע"ט: כת"י ד"ה לאחר, בפי' ב' כ' לאמר: ששני מיני תודות הם, תודות חובה של הד' הצריכים להודות, ותודה ונדבה של כל אדם, פנים יפות כ' דהוא קרבן נדבה פרמ"ג - או"ח אשל אברהם הקדמה לפי' רי"ט כ' דהוא מדברי קבלה - נראה בשדי חמד - אסיפת דינים פעת השדה מערכת ברכות פי' י"ב מענין זה.

11) מאמר מעין גנים ח"ג סדר ספירת העומר.

# קוק אהער

## די הינט אויף איסט מאנגאופ

**ש**כח אייבערשטער אז די ערשטע טעג יום טוב האב איך געהאט די זכיה מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון כיבוד אב ואם, און איך בין אריינגעפארן קיין בארא פארק צו זיין מיט מיינע עלטערן.

חדשים לאנג האבן מיר שוין ארויסגעקוקט אויף דעם הערליכן יום טוב פסח. איינע פון די הויכפונקטן פאר די אידן פון שטעטל איז דאס וואס דער ראש ישיבה קומט ארויף אויף פסח אין שטעטל; עס איז א הערליכע צייט צו קענען מיטהאלטן די שיינע תפילות און הערן די שמועסן פונעם ראש ישיבה דורכאויס דעם יום טוב.

די החלטה אוועקצוגיין פון שטוב און פון שטעטל איז אונז נישט געווען לייכט; איבערצולאזן אלע באקוועמליכקייטן און נישט זיין ביים ראש ישיבה. אבער דאס איז דאך וואס מיר הערן פונעם ראש ישיבה א גאנץ יאר, אז כיבוד אב ואם איז די העכסטע זאך. דעריבער האבן מיר מיט גרויס שמחה צוזאמענגעפאקט פעק און זעק, און זיך געלאזט אין וועג אריין קיין בארא פארק גראד נאך בדיקת חמץ.

א שיינע סופרייז האט אונז אפגעווארט אין דעם בארא פארקער בית המדרש היכל הקודש: דער דיין שליט"א איז דא! דער דיין געפינט זיך אויך אין בארא פארק אויף די ערשטע טעג.

עס זענען טאקע געווען הערליכע שמועסן און דיבורים פונעם דיין שליט"א, און עס איז אוממעגליך אלעס צו געדענקען און אפשרייבן.

איך וועל נאר שרייבן עטליכע נקודות וואס איך געדענק אויף לעובדא ולמעשה. מיטל נאכט האט זיך דער דיין אריינגעלאזט אין א שמועס וועגן רייכערן יום טוב; דער דיין האט געזאגט אז מוהרא"ש האט אונז זייער קלאר געזאגט אז רייכערן איז א חילול יום טוב!

די שאלה איז אבער: וואס דארף איך טראכטן ווען איך זע א איד פון א צווייטע קהילה, וואס ביי זיי האט מען גע'פסק'נט אז מ'מעג יא רייכערן? קען איך אים נאכשרייען "חילול יום טוב"? איז ער א שגץ?

לכאורה נישט... ווייל ביי אונז ווייסן מיר טאקע אז פאר אונז אז ס'איז חילול יום טוב, אבער פאר יענעם קען מען עפעס הלכה'דיג זעהן אפשר...

דער דיין האט אנגעהויבן שרייען: "רייכערן ווייס איך נישט פונקטליך... אבער נישט זיין פרייליך איז אויסדריקליך חילול יום טוב! אויף דעם איז בכלל נישט דא קיין שום היתר!"

דער דיין האט דערציילט אז זיין שווער פראוועט גאר לאנגע סדרים, און די "מה נשתנה" אליין האט גענומען איבער א שעה. אבער ווי געשמאק איז דאס צו זיצן ביי די "מה נשתנה" און זיך מתבודד זיין – "הלילה הזה כולנו מסובין" – איך זיץ שוין אנגעלאנט אמאל פלעגט עס מיך נאך באדערן, אבער היינט באדערט עס שוין אפילו נישט...

דער דיין האט געזאגט אז מענטשן זענען זייער מיואש פון תשובה, ווייל זיי מיינען אז יעדעס מאל וואס מען פאלט, פארלירט מען אלעס וואס מען האט ביז אהער אויפגעבויט און מען דארף אנהייבן פון דאס ניי. דער דיין האט געגעבן א משל: אין מדינת ישראל, ווען א מענטש בויט נישט לויטן געזעץ, קומט קודם כל א גרויסער טראקטאר און ווארפט אלעס אראפ. ערשט נאכדעם קען מען זיך אנהייבן שלאגן אויב מען האט יא געמעגט אדער נישט, אבער קודם ווערט אלעס חרוב און פלאך.

יעצט, וויפיל מאל האט א מענטש כוח צוריק אנצוהייבן בויען דעם בנין פונעם פונדאמענט ארויף? איין מאל? צוויי מאל? אפשר דריי מאל? נאכדעם ווערט א מענטש געווענליך שוין אויפגעבן. אבער ביים אייבערשטן איז נישט אזוי; נאר וואס א מענטש האט שוין געבויעט שטייט שיין, דאס איז זיינס, און יעצט דארף מען נאר ווייטער בויען אויף דעם און זיך נישט צוקלאפן און צוברעכן ח"ו.

שבת נאכמיטאג פאר שלש סעודות האט מיר דער דיין געפרעגט וויאזוי איך שפיר זיך מיט די דריי טעג יום טוב. האב איך געזאגט פארן דיין אז דער ראש ישיבה לייגט עס אראפ אזוי געשמאק – די זיסע, געשמאקע דריי טעג יום טוב – אז עס איז שוין געווארן עפעס וואס איך קוק ארויס דערצו.

# דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייַנבליק

ישראל דוד העסקעל

זאגט מיר דער דיין: "נו נו, וועל איך האבן מער שכר פון דיר..." דאס איז מיר געווען א זייער שטארקע לימוד וויאזוי אנצוקוקן זאכן ווען זיי קומען אן שווער.

אינמיטן יום טוב האט איינער געפרעגט דעם דיין: וואס איז די עצה פאר א געוויסע שוועריקייט מיט וואס יענער מוטשעט זיך?

האט דער דיין געזאגט, אז ביי אנדערע קהילות ווען מען רעדט פון א ווארט וואס דער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם, דערציילט מען עס מיט אלע דעטאלן: דער רבי האט עס געזאגט פאר יענעם שטייענדיג דארט און דארט, נעבן דעם און יענעם, און ער האט זיך אויסגעדריקט וכו'.

האט דער דיין דערציילט, אז אמאל האט א איד געדארפט אן עצה און ער האט געוואלט צוגיין צום ראש ישיבה. ער האט זיך געשטעלט אין א זייט און געווארט אויף א געלעגנהייט צו קענען רעדן מיט אים. ענדליך נאך א פאר מינוט – דאס איז געווען אין א זייט ביי די בימה אין די האשקי שול – האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב אן עצה פאר דיר! גיי אין א זייט פאר אפאר מינוט און שמועס דיך אויס מיטן אייבערשטן איבער דעם וואס עס קוועטשט דיר, וועסטו זען אז דו וועסט געהאלפן ווערן!"

דער אינגערמאן האט א קוק געגעבן אויפן דיין מיט אזא בליק ווי צו פרעגן: "אמת'דיג? נאכאמאל די זעלבע עצה?" האט אים דער דיין געזאגט: "דאס איז דיין פראבלעם! די אויגן וואס דו מאכסט יעצט, דאס איז דיין גאנצע פראבלעם. ווייל אויב וואלסטו אנגענומען די עצה בתמימות וואלסטו שוין לאנג געווען א געהאלפענער."

דער דיין האט אונז זייער מחזק געווען איבער דעם ענין פון התבודדות. ער האט



נאכגעזאגט דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג פאר די וואס טענה'ן אז זיי האבן נישט קיין צייט: "אנצוטון דיינע קליידער האסטו יא צייט? התבודדות איז פונקט ווי אנטון קליידער; אן דעם קען מען נישט עקזיסטירן!"

דער דיין האט אויך דערציילט פונעם ערשטן 'גרויסן' מעמד נאך די הסתלקות פון מוהרא"ש זי"ע. ס'איז געווען א וואך נאכדעם וואס מוהרא"ש איז אוועק, און מ'האט געפראוועט א סיום אויף תוספתא. מען האט דעמאלט נאכנישט געוויסט וויאזוי די קהילה וועט ווייטער אויסזען, מ'האט ארויסגעשיקט מיט די פאסט א שיינע, פענסי הזמנה צום גרויסן מעמד וואס איז פארגעקומען אין ישיבה.

מ'האט אויסגעשטעלט די טישן ווי א גרויסע ענדע "ם", און יעדער האט שוין קוים געווארט צו זען: וועט מען זען עפעס אנדערש, עפעס ניי, עפעס פריש, אדער וועלן מיר הערן די זעלבע דיבורים ווי ביז אהער?

דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט געבן די משא המעמד ביים גרויסן סיום און געזאגט: "אויב די ווייב בלאזט איז גארנישט, אלע ווייבער בלאזן; דו מאך איר פרייליך מיט גוטע ווערטער..." דערנאך האט דער ראש ישיבה נאכאמאל איבערגע'חזר'ט אז עס איז פאראן איין עצה פאר אלע פראבלעמען: גיי אין א פלאץ וואו קיינער געפינט זיך נישט און רעד ארויס עטליכע ווערטער צום אייבערשטן, שמועס אויס אלעס וואס דריקט דיר מיט'ן באשעפער!

דער דיין האט אויסגעפירט: "איך האב דעמאלט פארשטאנען אז דאס זענען די דיבורים וואס מיר וועלן הערן ביז משיח'ס טאג, גארנישט גייט זיך נישט טוישן!"

דער דיין האט זיך אויסגעדרייט צו אונז און געזאגט, אז מיט'ן דרך הלימוד האט מען שוין גע'פועל'ט ביי אונז; אלע זענען שוין מודה און אלע לערנען שוין די הייליגע תורה שיעורים כסדרן. אויך ביי התבודדות זענען שוין אלע מודה, מיר זענען אלע "פראָ התבודדות", מיר האלטן דערפון און מיר ווייסן אז דאס איז די עצה - יעצט דארפן מיר עס נאר טון...

**די צווייטע טעג זענען אנגעקומען ווי אן אויגנבליק.** שביעי של פסח נאך די סעודה זענען מיר, עטליכע חברים, אראפגעשפאצירט איינאיינעם צו די "שירה" ביים ראש ישיבה. עס איז געווען שפעט ביינאכט און שטאק טונקל, נישט אזוי איינגענעם צו שפאצירן אליין...

שביעי של פסח אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען צו שפעט צו קענען אראפגיין דאווענען. שכוח אייבערשטער אז מיר האבן געהאט א פיינע געשמאקע מנין אין ביהמ"ד פעולת הצדיק.

אחרון של פסח אינדערפרי בין איך ב"ה אויפגעשטאנען גאנץ פרי, און איך האב זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום גרויסן שול; א גוטע פערציג מינוט ביז דריי פערטל שעה אליין מיטן אייבערשטן!

איך האב קודם געדאנקט דעם אייבערשטן פאר אלעס גוטס וואס ער טוט מיט מיר – דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר! דערנאך, ווען איך האב געהאלטן ביי דעם ווינקל פון רעדקליף און איסט מאנגאפ, האב איך אנגעהויבן זייער שטארק צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל פשוט זיין אן ערליכער איד. עס גייט מיר אבער נישט; מען גייט א טריט פאראויס און מען גייט נאכדעם צוריק צוויי טריט. ביז ווילאנג נאך וועט דאס אזוי גיין? וואס איז די פוינט? ווען וועל איך שוין טאקע קענען זיין אן ערליכער איד?

אינמיטן הער איך עפעס הינט בילן. איך מאך זיך נישט וויסנדיג, איך וויל ווייטער רעדן צום אייבערשטן, ענדליך האב איך שוין עפעס דיבורים. אבער פלוצלינג הער איך עפעס לויפן; איך געב זיך א דריי ארום און איך זע א גרויסן הינט, אינגאנצן צעווילדעוועט, קומט צו לויפן צו מיר און בילט צולאזט. ער האלט שוין ממש ביי מיין פוס. איך האב נישט געהאט קיין סעקונדע צו טראכטן, איך האב זיך גענומען לויפן פאר מיין לעבן. מיין שטריימל איז געפלויגן; איך ווייס נישט אויב איך בין שוין אמאל אין מיין לעבן געלאפן אזוי שנעל.

אזוי לויפנדיג, ווען דער הינט לויפט מיר נאך, האב איך זיך געטריפט אויף א שטיין און איך בין געפלויגן, לאנדנדיג אויף דער ערד פנים אראפ בפישוט ידים ורגלים.

איך ליג אויף דער ערד, ס'גייט בלוט פון מיינע הענט; צוקראצט, צובלוטיגט צו'מזיק'ט. מיין נייע בעקיטשע און הויזן זענען צוריסן און צולעכערט, און איך ליג דארט אוןווארט אויף מיין שיקזאל: "נו, הינט, קום שוין, בייס מיר שוין! דאס האסטו דאך געוואלט, איך געב זיך אונטער, דו האסט געווינען!"

מיין קאפ שווינדלט נאך, איך קען נאך נישט כאפן מיין אטעם, אבער איך זע אז אזוי ווי איך בין געפלויגן, האט מיר דער הינט אפגעלאזט.

איך הייב זיך אויף, איך גיי צוריק נעמען מיין שטריימל. איך כאפ נאכנישט פונקטליך וואס דא איז געשען. די ערשטע זאך נעם איך ארויס מיין ציצית און איך ווייז עס פארן הינט ער זאל נישט קומען מיך אטאקירן נאכאמאל. איך הייב אן צו גיין, אבער איך קען עפעס נישט זען גוט; איך פיל מיין פנים... אוי, מיין גלעזער!

מיט די ציצית אין די האנט לאז איך זיך ארויס זוכן מיינע ברילן. יעדעס מאל וואס דער הונט וויל זיך דערנענטערן, ווייז איך אים מיינע ציצית און ער גייט צוריק; ער האלט זיך רואיג.

מיט מיין שטריימל אויפן קאפ, מיינע ברילן אויף די נאז און מיין טלית אין די האנט, לאז איך זיך ווייטער אין וועג אריין אנצוקומען אין ביהמ"ד.

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס, אז ווען עפעס פאסירט מיט א מענטש זאל מען מאכן א חשבון הנפש: וואס וויל מיר דער אייבערשטער דא ווייזן?

איך פרוביר זיך צו ברעכן דעם קאפ: וואס וויל מיר דער אייבערשטער דא ווייזן? דער הונט לויפט מיר נאך, ער וויל מיך בייסן, ענדליך פאל איך אראפ, איך ווער צוביילט און פארשמירט, און דאן דארף ער מיר שוין מער נישט...

איך טראכט אז דער אייבערשטער וויל מיר ווייזן וויאזוי דאס לעבן גייט: מ'וויל זיין גוט, מ'וויל טון דעם רצון השם, קומט דער הונט – דער יצר הרע – און הייבט אן צו לאקערן אויפן מענטש; ער לאזט אים נישט לעבן. דער מענטש וויל אבער זיין גוט, ער לויפט אוועק פונעם הונט, אבער דער הונט רוהט נישט ביז דער מענטש פאלט אראפ און ווערט פארשמירט, און דאן דארף ער דיך שוין נישט...

דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר דאס וואס דער רבי זאגט, אז דער יצר הרע דארף נישט די עבירה פון א מענטש אזוי שטארק ווי ער וויל פשוט אראפווארפן דעם מענטש, אים פארשמירן, און אים אריינווארפן אין א עצבות און מרה שחורה.

און וואס איז די עבודה פון א מענטש? הייב זיך אויף, פיץ דיך אפ פון דיין שמוץ, און בלייב נישט ליגן דארט! ביסט אראפגעפאלן? הייב זיך אויף! יא, איך בין צוריסן און צושליסן, פארשמירט און צו'מזיק'ט, אבער איך בלייב נישט ליגן דארט אויף דער ערד. איך גיי זיך נאכאמאל און נאכאמאל, און נאכאמאל און נאכאמאל אויפהייבן און צוריקלויפן צום אייבערשטן, צוריקגיין צום צדיק. איך האב געשפירט אז דער אייבערשטער וויל מיר ווייזן: דאס איז דאס לעבן!

שכח אייבערשטער אז איך בין נישט געבליבן ליגן דארט; איך האב זיך אויפגעהויבן און שפעטער זיך איבערגעטון. שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון א צדיק וואס ברענגט אונז נענטער צום אייבערשטן, וואס מאכט אונז טראכטן פונעם אייבערשטן, וואס געבט אונז די זיסע לעכטיגע עצה צו רעדן יעדן טאג מיטן אייבערשטן און אלעס פארציילן פארן באשעפער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# א ווארט צוויי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלעך

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו

avorttzvei@bletelmagazine.com

• בערל שניצלער

## קלוגער טאטע

דער ראש ישיבה האט געזאגט שבת שמיני נאכן קידוש אז ער האט זייער הנאה געהאט פון א טאטע וואס האט געזאגט פאר זיין בחור אז ער צאלט אים געלט פאר יעדן טאג וואס ער זאגט ח"י פרקים פאר דריי אזייגער נאכמיטאג, דאס איז א קלוגער טאטע.

**– פון די אנוועזנדע**

## פאפנדעקל

"איין סקונדע אין טאג כאפט זיך אריין א געדאנק 'אפשר טאקע ווער איך פטור פון מיין שטוב', אבער דאן קומט מוהרא"ש אריין ווי מיט א פאפנדעקל און בלאזט אוועק די נארישע געדאנקען פון קאפ."

**– שיעור ליל ששי פרשת צו**

## חלוקה דרבנן

"דעם פארגאנגענעם ערב פסח איז פארגעקומען א מסיווע חלוקה אין צפת דורך דער 'עזר לשבת' ארגענעזאציע וואס מיין שווער פירט אן, א קנאפע פערציג בחורים האבן אריינגעארבעט אנצולאדענען אלע קארס מיט כל טוב וטוב.

אויף די בילדער פונעם פאטאגראפירער זעט זיך אן אז פון אלע פערציג בחורים האט איין בחור - משה יאקאבאוויטש פון צפת, תלמוד ישיבה היכל הקודש בארץ הקודש - אויסגענוצט די צייט, ווען צווישן איין אויטא און דעם צווייטן האט ער אנגעיאגט אריינצוכאפן זיין ח"י פרקים."

**– משה בלוי**





## דער ראש ישיבה האט געזאגט

## גרעסער ווי מירון

"אויב קען איך באווייזן אז די גאנצע קהילה זאל אנהייבן לערנען זוהר הקדוש, דורכדעם וואס איך וועל בלייבן ל"ג בעומר אין שטעטל, איז עס אסאך מער ווי פארן צו רבי שמעון אין מירון!"

**– אין א שמועס מוצאי יום טוב**

# מעשיות פון תפילה



**ישראל דוד ברוקמן** בני ברק

א לאנגע צייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן צו האבן אויף יו"ט פסח 'ברסלב'ע מצות'.

דאס יאר האט עס אויסגעזען ווי אלעס גייט גיין גלאט, און אלע פלענער זענען שוין געווען אין פלאץ, ווער עס וועט דאס ברענגען, וויאזוי וועט מען איבערפירן די געלט, און ווען פונקטליך עס וועט אנקומען.

אבער זעט אויס עס האט לכאורה געפעלט נאך אפאר תפילות.

ווי יעדער ווייסט, שבת זכור, האט אויסגעבראכן די מלחמה מיט איראן, און קיינער איז נישט געגאנגען אדער געקומען.

שטייטליך האבן אנגעהויבן אנקומען פליגער מיט א באגרעניצטע צאל מענטשן, און דא האט זיך אנגעהויבן א ריזיגע לאגיסטישע אפעראציע צו געפינען איינעם וואס וועט טאקע אפפליען קיין ארץ הקודש. און אז די מצות זאלן אים אנקומען פון דער בעקריי אין אמעריקע, און אז דא אין לאנד וועלן די מצות אנקומען קיין בני ברק.

דא איז דער פלאץ צו באמת דאנקען די גבאים דא אין בני ברק וואס האבן זיך שטארק געמוטשעט און געארבעט כדי אלעס זאל זיין אויפ'ן בעסט'ן און שענסטן.

שכח אייבערשטער ערב שבת הגדול זענען די מצות אנגעקומען צו מיר און איך האב געהאט די זכיה צו עסן די מהודר'דיגע און געשמאקע ברסלב'ע מצות.

**א מלמד דרדקי** ניו יארק

ברוך השם דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו זיין א מלמד פאר קינדער.

איך האב געוואלט אויסשטעלן א געוויסע טשארט פאר די קינדער פאר פסח, עס איז געווארן אפגעשטיפט איינמאל און נאכאמאל, איך מיז עס אריינשיקן צייטליך, כדי די אפיס זאל עס קענען פרינטן פאר די קינדער, אבער למעשה ווערט עס פארשלעפט ווייל איך האב נישט קיין צייט דערצו.

איך האב געזען אז אן תפילה וועט עס נישט ארבעטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף איך זאל האבן די פאר מינוט זיך צו מצמצם זיין און אהערשטעלן די טשארט פאר די חשובע קינדער לכבוד פסח, איך וויל עס האבן גרייט צייטליך".

שכח אייבערשטער אז יענעם טאג איז עס ברוך השם געווארן פארטיג, אדאנק תפילה.

שכח אייבערשטער אז איך האב צוריק געהערט נאך יום טוב זייער גוטע גריסן פון די עלטערן אז זיי האבן זייער הנאה געהאט דערפון, און די קינדער האבן געקענט חזר'ן די לימודים וואס זיי האבן שוין געלערנט ביז אהער.

# קלאסיפיידס

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
**רופט** 917–501–5100

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר יום טוב שבועות.
**רופט שלמה יאקאבאוויטש**
845–637–5367


loop PLUMBING
Reliable plumbing solutions
917. 202. 1206



ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען
די חשוב'ע משפחה

מו"ה בערל שווארץ הי"ו
וזוגתו חוה תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין
קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.


# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה בערל שווארץ הי"ו**
וזוגתו חוה תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי איידליס הי"ו**
וזוגתו בלומא תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו**
וזוגתו קריינדל תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נפתלי הערש פארקאש הי"ו**
וזוגתו רחל תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


און עד אין
בלעטל ברענגט
רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

# געדאנקען

## דריי טויזנט סקווער פיס

ווען איר פארט ארויס פון טווין ברידזש און איר מאכט א רעכטס אויף די "פיפטי טו" וועט איר זען א האלבע מייל דערויף, אויף די רעכטע זייט א "טרעילער פארק".

דאס מיינט א פארק פון טרעילער האומס.

דאס איז א שטח וואו עס ליגט פארקירט אזעלכע פראוויזארישע היימעלעך, אין ארץ ישראל רופט מען א טרעילער האום א "קאראוואן".

מען רעדט דא פון היימעלעך וואס שטייען אויף רעדער, זיי זענען אזוי געבויעט אז מען זאל זיי קענען צו טשעפענען צו, למשל, א פיק-אפ טראק און פארן דערמיט פון איין פלאץ צום צווייטן.

אבער די זאך פון רוקן דעם טרעילער צו אן אנדערע לאקאציע, איז אין מערסטנס פאלן בלויז טעארעטיש, ווייל זייער אפט זענען די טרעילער האומס שוין אזוי אלט און אביוזד אז מען קען זיי שוין נישט רירן פון פלאץ, די רעדער מעקאניזם און די אקסן (AXLES) זענען שוין אין פיל פעלער אזוי פארדזשאווערט אז זיי זענען שוין נישט אין דינסט.

און נאך אלץ בלייבן זיי מיט די נאמען טרעילער האום.

ווען די ברסלב'ע ישיבה איז געווען אין "ערנפעלד'ס", נעבן קעמפ אגודה, איז געווען הונטן פון די בארג פיר טרעילער האומס וואס איז געווען אקופירט פון משפחת לעזער נ"י, משפחת שטראסער נ"י, משפחת אפפעל נ"י, משפחת שניטצלער נ"י.

א צוואנציגסטל חלק פון אמעריקע וואוינט אין טרעילער האומס.

אין אמעריקע איז פארהאן באלד פיר הונדערט מיליאן מענטשן.

באלד דריי הונדערט מיליאן מענטשן וואוינען אין זייער אייגענע געקויפטע דירה.

א הונדערט מיליאן אמעריקאנער וואוינען אויף רענט.

די ביליגסטע רענט אין אמעריקע קומט אויס א זיבן הונדערט טאלער.

אבער אז מען וואוינט אין א טרעילער האום קען מען וואוינען פאר פינעף הונדערט טאלער א חודש.

צוואנציג מיליאן אמעריקאנער וואוינען אין טרעילער פארקס.

פופצן מיליאן פון זיי זענען די אייגנטומער פון דעם טרעילער האום אין וואס זיי וואוינען (אפגעזען צו מען רעדט פון א פארדזשאוועטער געלעמטער טרעילער, אדער פון א ווירקזאמע רוק-בארע פאר-בארע טרעילער). אין מערסטנס פעלער איז דער באדן אויף וואס די טרעילער שטייט א גערענטע שטיקל ערד. דעם טרעילער OWN'ט ער, אבער נישט די ערד אויף וואס די טרעילער שטייט, אזוי איז עס מיט רוב טרעילער האומס.

פינף מיליאן אמעריקאנער לעבן אין טרעילער האומס אינגאנצן אויף רענט, נישט דער באדן איז זיינס און נישט דער טרעילער האום איז זיינס.

אין יאר 1976 האט דער פעדעראלער רעגירונג ארויסגעגעבן שטרענגע געזעצן און קאודס וואס מען מוז נאכקומען ביים בויען טרעילער האומס.

דאס מיינט צו זאגן אזוי, אז די פעדעראלע רעגירונג האט זיך ארומדערזען מיט א פראבלעם, אונטער וועלכע לאקאליטי' ווערט דיקטירט די געזעצן ווי אזוי צו בויען א טרעילער האום אז עס זאל נישט פאסירן קיין אומגליקן

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

פון פייערן אדער פון נישט-גוט-געבויטע טרעילערס?

אמער, בשלמא די געהעריגע הייזער וואס ווערן געבויט אויף צעמענטענע יסודות, ווערן דיקטירט פון די מוניציפּוליטעט וואו מען בויעט דאס, אבער א פארעדיגע רוקעדיגע וואוינונג, ווער וועט מאכן די געזעץ אויף דעם? אדער גאר איש כל הישר בעיניו יעשה? מען זאל טאקע קענען בויען ווי אזוי מען וויל?

דערפאר האט די פעדעראלע רעגירונג אפגעמאכט אז די פארעדיגע רוקעדיגע דירות געבוי וועט זיין אונטער די שטרענגע יוריסדיקציע פון די פעדעראלע רעגירונג, מען האט געשריבן א שטרענגע קאוד פון סעיפטי געזעצן וואס די רוקעדיגע דירות ערצייגער וועלן מוזן נאכגיין ווי פאלגזאמע אינגעלעך.

עס איז א גרויסע סומאטאכע וואס איז א חילוק צו מען זאגט טרעילער האום צו מאביל האום.

עס איז פארהאן פארשידענע ענטשיידונגען וועלכע סארט מען רופט טרעילער האום און וועלכע מען רופט מאביל האום.

דערנאך איז דא א גאנצע געטועכץ וועלכע סארט ווערט אנגערופן מיט די נאמען "מעניופעקטשורד האום".

ווער איז אלץ פון די וואס באקומען די רענט פון די הונדערט מיליאן אמעריקאנער רענט צאלער?

דער גרעסטער אפארטמענט אייגנטומער אין אמעריקע איז "גרעיסטאר". זיי פארמאגן א הונדערט טויזנט דירות, און מענעדזשן א מיליאן דירות.

אז איר ווילט וויסן א משל ווי עס קוקט אויס א הונדערט טויזנט דירות, ווען מען פארט צום רבי'ן קיין אומאן און מען פארט אויף די בי. קיו. אי. צו דזשעי. עף. קעי. זעט מען אינמיטן די בי. קיו. אי. א פינף טיזנט דירות קאמפלעקס מיט'ן נאמען לעפראק סיטי (LEFRAK CITY) על שם דעם דיוועלאופער סעמיועל לעפראק וואס האט געבויעט די פינף טוינזט דירות אין די תש"כ יארן.

ווילט איר זען מער? ווען איר פארט אויפ'ן עף. די. אר. פון די וואשינגטאן בריק צו די וויליאמסבורג בריק וועט איר זען אויף די רעכטע זייט א צוועלף טויזנט דירות קאמפלעקס מיט די צוויי נעמען סטייוועסענט טאון און קופער ווילעדזש.

דא רעדט מען פון א קאמפלעקס פון אכציג אקער לאנד אינמיטן סאמע ניו יארק סיטי! טאקע אין די אמאליגע אידישע סמעטענע באוואוינטע לאוער איסט סייד וואו רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו האט עטליכע מאל באזוכט (איינמאל איז עס געווען ביים ברית פון הרה"ח מו"ה דוד לייב גרינפעלד ע"ה, ווי עס איז באוואוסט דער סיפור ווען ער האט געברענגט יארן שפעטער פאר רבינו הקדוש מ'סאטמאר טויזנט דאלער פאר'ן אפיל, ועוד חזון למועד אי"ה).

דא רעדט מען פון א קאמפלעקס וואס איז סטאנציאנירט אין דריי זיפ קאודס!

ווער נאך איז פון די לאנד באזוצער אין אמעריקע?

"שטרית גרופ" אונטער די אנפירערשאפט פון מר. יוסף שטרית, פארמאגט 600 אקער לאנד, דאס איז א קיימא לן פון 200 שטאטישע בלאקס אויף וואס ער באקומט רענט.

דאס איז בערך צוויי מיליאן סקווער פיס.

דאס איז באלד א ביליאן דאלער רענט א חודש.

דאס איז צען ביליאן דאלער רענט א יאר.

זייט אים נאך נישט מקנא.

איר דארפט נישט קיין צוויי מיליאן סקווער פיס.

פאר אייך וועט גענוג זיין א דריי טויזנט סקווער פיס.

דערינען וועט איר האבן א שיינע גרויסע דיינונג רום וואו איר וועט קענען זיצן שבת קודש מיט די משפחה און אריינפלאנצן אין די קינדער אז דער טאטע זייערער איז פרייליך שבת און רעדט כסדר פון צדיקים און פון ערליכע אידן.

דעם דריי טויזנט סקווער'דיגן הייזקע איז נישט אזוי שווער צו באקומען.

דער ראש ישיבה חזר'ט אלץ וואס מוהרא"ש פלעגט אונז לערנען, אז ווער עס זאגט בבלי ירושלמי תוספתא (ראשי תיבות בי"ת) וועט האבן א שיינע בא'טעם'טע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט און אויף די וועלט.

# אײַן בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו און ווער איז אינעם בילד:



קרעדיט: ארכיוון (יענקי פיש)

## בילד פון פאריגע וואך:



**שושן פורים שפיל שנת תשפ"ב**

פון רעכטס: נתנאל פארקאש, לייבי אפפעל, חיים זאנוויל אפפעלדארפער, אהרן לונגער, יחזקאל סאמעט.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**הפצה אין א גראסערי אין בני ברק - ה׳ ויקרא**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**די קינדערגארטן קינדער אויף א באזוך אינעם מצה בעקעריי אין שטעטל - ה׳ ויקרא**

קרעדיט: ישוע ראבינאוויטש




**ביים רייניגען די פארקינג לאט פונעם ביהמ״ד אין שטעטל - עש״ק ויקרא**

קרעדיט: ישראל דוד העסקעל



**ביים פאררעכטן די ראודס אין שטעטל - עש״ק ויקרא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**די קינדער פון כתה א' אויף א באזוך אין די מצה בעקעריי אין שטעטל - ג' צו**



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים באקן מצות אין די מצה בעקעריי אין שטעטל - ג' צו**

קרעדיט: אברמי לעזער





**חלוקה לכבוד פסח דורך ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' צו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**שיעור הלכות פסח דורך דער דיין שליט"א אין שטעטל - ג' צו**

קרעדיט: שמעון פאדריגאל



**שיעור הלכות פסח דורך דער דיין שליט"א אין לעיקוואד - א' צו**

קרעדיט: שמעון פיש




**די קינדער פון די תלמוד תורה ביים העלפן רייניגן די ביהמ"ד אין שטעטל לכבוד פסח - ד' צו**

קרעדיט: אשר לעמיל זוסמאן




**אנשי שלומינו ביים באקן מצות אין מצה בעקעריי אין שטעטל - ד' צו**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**קרן הדפסה אין בני ברק אין בעפארגרייטונג צום יו"ט פסח - ה' צו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**מצות אנגעגרייט צו געבן פאר די עסקני הקהילה אין בני ברק דורך די גבאי הביהמ"ד - ה' צו**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**ניחום אבלים ביי מו"ה דוד לאקס הי"ו אין שטעטל - א' שמיני-א**

קרעדיט: שמעון פאדריגאל





**ביים רייניגן ביהמ"ד עצתו אמונה אין יבנאל לכבוד פסח - א' שמיני-א**

קרעדיט: נחמן נתן מימוני



**שיעור אין הלכות פסח פון דער דיין שליט"א אין היכל הקודש מאנסי - א' צו**

קרעדיט: הערשי זאבעל



**געברענגט א שעפעלע אין די תלמוד תורה אין שטעטל - ב' שמיני-א**

קרעדיט: ר' מרדכי אינדיג




**אנשי שלומינו בייִם פארקויפן די חמץ בייִם דיין שליט"א אין שטעטל - א' שמיני-א**

קרעדיט: אייזיק ראטה




**בייִם רייניגן די ביהמ"ד און מקוה אין שטעטל לכבוד פסח - ג' שמיני-א**




**דער ראש ישיבה שליט"א בייִם פארקויפן די חמץ פון די בניני המוסדות בייִם דיין שליט"א אין שטעטל - ג' שמיני-א**

קרעדיט: משה ראזענבערג







**ביים כשר'ן די קאווע שטובל אין שטעטל לכבוד פסח - ג' שמיני-א**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן, יענקי פיש



**ביים מעיין זיין אין די נייע ספר אוצר התפילה - ערב פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**ביים מאכן א סיום מסכתא - ערב פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**גרויסע אויסוואל פון וויין לכבוד פסח אין די שמש שטובל אין שטעטל - ערב פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן שעפן מים שלנו אין די מצה בעקעריי - ג' שמיני-א**

קרעדיט: משה ראזענבערג










**ערב פסח אין די מצה בעקעריי אין שטעטל - ערב פסח**

קרעדיט: שמעון פאדריגאל, נפתלי זאבעל, איציק מענדלאוויטש





**סיומי בכורות אין ביהמ״ד עצתו אמונה אין יבנאל - ערב פסח**

קרעדיט: נחמן נתן מימוני





**די קינדער ביים העלפן אנגרייטן די ביהמ״ד אין שטעטל פאר יום טוב - ערב פסח**













**שחרית און סיומים אין ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל - ערב פסח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל





**שחרית מיט דער ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל - ב' דחול המועד פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש



**געטרייע גבאי צדקה מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו ביים גיין נאך געלט - ב' דחול המועד פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים ווייזן דעם ספר תשובות הגאון ר' חיים קנייבסקי זי"ע געשיקט פונעם מחבר - ד' דחול המועד פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**די קינדער ביים פרעגן זייערע פראגעס פונעם ראש ישיבה שליט"א נאך שחרית - ב' דחול המועד פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה






**שיעור התחזקות נאך מעריב אין שטעטל - ב׳ דחול המועד פסח**

קרעדיט: אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל



**שחרית אין ביהמ״ד היכל הקודש אלעד - ג׳ דחול המועד פסח**

קרעדיט: משה וויינבערגער



**ביים איבערגעבן פרטים פון די מוסדות בא״י מיט מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו - ג׳ דחול המועד**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**שחרית און הלל אין די ביהמ״ד אין שטעטל - ג׳ דחול המועד פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש









**אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן פאר שחרית אין שטעטל - ג' דחול המועד פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**ביים זיך וואונטשן ביים ראש ישיבה שליט"א נאך שחרית - ג' דחול המועד פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**אין א שמועס מיט די חברי הנהלה - ד' דחול המועד פסח**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש




**וואכנאכט פון הילד מנחם נ״ו בן מו״ה נפתלי הערש פארקאש הי״ו אין שטעטל - ליל ד׳ דחול המועד פסח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל






**ברית פון הילד מנחם נ״ו בן מו״ה נפתלי הערש פארקאש הי״ו אין שטעטל - ד׳ דחול המועד פסח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, איציק מענדלאוויטש

בס"ד

פרשת תז"מ
אויסגאבע # 14



# אינדערהיים

## בינד מיך צו מיין שיך

ש. טראכטער

די בעסטע מאמע
מ. פעדער

דיין מייכלעכל, א מייכלעכל
ש. ל. פליישמאן

# אינדערהיים



9



13


**בס"ד**
תז"מ
תשפ"ו
**נומער 15**



**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## דיין מיילעכל, א מילעכל

ביים וואסער שטייט זיך,
א מיהל און דרייט זיך,
דרייט זיך, דרייט זיך שנעל,
דרייט זיך אן אפשטעל,
דרייט זיך אלע ווייל,
מיט די כח פון די כוואליע...

אז עס דרייט זיך שוין ממילא,
מיט די כח פון די כוואליע,
עס דרייט זיך שוין סיי ווי,
אן קיין מענטשן'ס מיה,
איז דאך סתם א שאד,
אומזיסט דרייען די ראד...

שטייט דארט פאר דעם צוועק,
א מאן מיט גאנצע זעק,
פול מיט ווייץ קערעלעך,
גיסט ער אריין ערליך,
פארדינט פון די מאשין,
מעהל געשמאק און דין.

עס דרייט זיך שוין ממילא,
פון די כח פון די כוואליע,
אן צופיל שוויצן,
האט ער פון דעם נוצן,
צווישן די מיל שטיינער,
פאלט א מעהל א פיינער...

דיין מויל ווי א מיל,
עס נוצט נישט כח פיל,
גליטשט זיך דארט א צונג,
זי קען רעדן אזוי גרינג,
מיט רייד, אנפיל עס,
מאל אין דעם תפילות!

פונקט ווי די מיל,
לאז עס דרייען מיט א ציל,
לייג צו 'ווייץ' קערעלעך,
ס'איז נישט אזוי שווערליך,
לאז דיין צונג גליטשן,
דעם אייבערשטן טו מוטשען!

ער ווארט זאלסט אים זאגן,
דיינע אלע וייטאגן,
זיך אין אים דערמאנען,
פריוואט זיך אויסטענה'ן,
האסט א מויל ממילא,
נוץ עס אלע ווייל...

וועסט פארדינען מעהל,
חסדים ספעציעל,
דיין מיילעכל, א מילעכל,
נישט סתם א שפילעכל,
**בעהט מיט / אן געפיל,**
**לאז דרייען די מיהל...!**

צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169

ש. טראכטער



# בינד מיר צו מיין שיך

קענסט האלטן מיינע קינדער פאר צוויי טעג?״ פרעגט אסתי, א יונג ווייבל, פון איר חבר'טע דבורי, א תלמידה פון בית פייגא.

דבורי, וועלכע איז זיך מחזק כסדר פון די שיעורים, טראכט נישט צוויי מאל. דער ראש ישיבה זאגט דאך ״וואס מען טוט פאר זיך, לאזט מען דא; וואס מען טוט פאר יענעם, נעמט מען מיט.״

אז עס קומט איר א מצוה אונטער די האנט און אז א חבר'טע בעט, ווייל זי דארף נעמען צוויי טעג וואקאציע, וועט זי עס זייער גערן טון.

די חבר'טע טיילט איר מיט די ציל פון איר ״וואקאציע.״

זי מאכט מיט שוועריגקייטן, עס מוטשעט זיי געוויסע זאכן, און זיי ווילן אראפפארן צו איינע פון די פאראייניגטע שטאטן, צו א געוויסן משפיע, א רב, אן אייניקל פון א גרויסן אמעריקאנער גדול ז״ל, און הערן פון אים הדרכה און נעמען א ברכה.

נו, זייער גערן.

צוויי טעג שפעטער קומט אסתי אפנעמען אירע קינדער פון דבורי. דבורי אינטערעסירט זיך וויאזוי איר וועג איז געווען און בעט איר, ״נו, טייל מיר מיט א שיינע געדאנק וואס דו האסט געהערט.״

אסתי'ס אויגן שיינען אויף. "אוי, עס איז געווען אזוי ספעציעל, אזוי דערהויבן, אזוי שיין."

זי דערציילט וויאזוי דער רב האט זיי אויסגעהערט און מחזק געווען און זיי דערמאנט אז סוף כל סוף דארף א איד געדענקען, אין אנהייב, אינמיטן און סוף, אז "אלעס איז השי"ת, אלעס איז דער אייבערשטער."

דבורי שאקלט מיטן קאפ. יא, יא. אזוי לערנען אונז אלע ערליכע צדיקים.

אסתי דערציילט ווייטער, "דער רב האט אונז מסביר געווען אז צו קענען באקומען אמונה, דארף א מענטש זיין א 'כלי קיבול', דאס הייסט ער דארף ווערן א כלי צו קענען מקבל זיין שכינה. ווען א מענטש עפנט זיך אויף צו ווערן א כלי קיבול, באגיסט אים דער אייבערשטער מיט אזויפיל שפע אז ער זאגט שוין 'והריקותי לכם ברכה, עד בלי די'. דאס איז די 'כוס ישועות אשא', די כלי קיבול, וואס ווערט א כוס פון ישועות."

אסתי דערציילט ווי איר מאן איז אהיימגעקומען אויף א "היי", א "רוחניות'דיגע היי". ער שפירט ממש ווי ער גייט ווערן די כלי קיבול, און זי שפירט ווי איר לעבן גייט זיך באמת טוישן.

דבורי שאקלט מיטן קאפ. שיינע ווערטער, באמת. נישט קיין ליצנות ח"ו. אבער זי האט איין שאלה צו אסתי (וואס אפשר דארף מען עס נישט פרעגן יענעם, אבער מען מעג עס טראכטן): "וויאזוי איז מען זוכה צו ווערן א כלי קיבול?"

מ.מ..מ..ם.... אסתי איז שטיל. "אז מען גלייבט?" פרעגט זי קווענקלדיג.

"און וויאזוי איז מען זוכה צו גלייבן?" פרעגט דבורי.

"וואס הייסט? דו גלייבסט נישט?! יעדער איד גלייבט!!"

"איז פארוואס איז נישט יעדער איד א כלי קיבול?"

מ.מ.מ.ם....

...

ווען איך בין געווען אין ניינטע קלאס האב איך געפרעגט א שאלה פון מיין לערערין. "וויאזוי ארבעט מען אויס די מידה פון קנאה? מילא כעס, קען מען טון בפועל'דיגע זאכן, ווי 'ציילן ביז צען', אדער 'טרינקען א גלאז וואסער'. (איר געדענקט די שיעורים פון סקול??) אבער קנאה איז אן אינערליכע געפיל. וויאזוי ארבעט מען אויס די געפיל?"

**איך האב געהאט א שאלה אויפן צונג, אבער איך האב נישט געוואגט צו פרעגן, ווייל זי וועט מיר אראפשטעלן צו קינדערגארטן. מיין שאלה איז געווען, "נו, איך פארשטיי". אבער וואס איז אויב איך וויל שטיין אונטער יענעמ'ס פייפ?"**

מיין לערערין האט מיר אנגעקוקט פארוואונדערט. "קודם כל איז קנאה זייער א נארישע זאך. (שכח! און דו ביסט נישט מקנא דיין שכן אז זי האט געקענט ערלויבן איבערצובויען איר קאך?)

"צווייטנס, אז א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה און ער ווייסט אז כאילו העכער יעדנס קאפ איז דא א צינור (פייפ) וואס גייט גראד פון שמים אראפ צו אים, און ער שטייט גלייך אונטער דעם, איז נישט שייך קנאה. יענער נעמט גארנישט צו פון אים. און באמת, קנאה? קנאה איז א נארישע קינדישע זאך. (צוויי מאל שכח)"

איך האב געהאט א שאלה אויפן צונג, אבער איך האב נישט געוואגט צו פרעגן, ווייל זי וועט מיר אראפשטעלן צו קינדערגארטן. מיין שאלה איז געווען, "נו, איך פארשטיי. אבער וואס איז אויב איך וויל שטיין אונטער יענעמ'ס פייפ?"

א צייט שפעטער האב איך געפרעגט מיין טייערע טאטע שליט"א, "וויאזוי ארבעט מען אויף קנאה? איך פארגין א צווייטן, אבער צומאל וויל איך אויך."

מיין טאטע האט מיר געזאגט, "אז א מענטש נעמט אריין דעם אייבערשטן אין זיך, איז ער שוין קיינעם נישט מקנא."

און וויאזוי נעמט מען אריין דעם אייבערשטן?

א מיליאן דאלערדיגע שאלה!

איך האב אלעס געוואוסט. איך האב געוואוסט אז שנאה קומט פון קנאה וואס קומט פון חסרון אמונה און די שורש פון אלע שלעכטע מידות איז גאוה... נו??? וואס טו איך יעצט? וויאזוי דריי איך זיך ארויס פון די שלעכטע מידות און וויאזוי דריי איך זיך אריין מיטן יצר טוב?

אלס א כלה-מיידל האב איך "בטעות" געקויפט א סי.די. מיטן נאמען "על הצדיקים", געמאכט דורך מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו. איך האב דאן נישט געוואוסט אז דאס האט עפעס

מיט ברסלב, אדער מיט מוהרא"ש זי"ע, איך האב בכלל נישט געוואוסט אז עס עקזיסטירט אזעלכע מושגים.

איך האב געהערט דארט ניגונים וואס האבן מיר געעפנט דאס הארץ. איך האב נישט אלעס פארשטאנען. געוויסע זאכן האבן אויסגעזען אין מיין מח אין יענע טעג עטוואס אינטערעסאנט, א שטייגער ווי "וואס האט איר צו זארגן נאכדעם וואס איך גיי פאר דיר... איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע פלעקן." איך האב נישט פארשטאנען די ווערטער.

אבער געוויסע ניגונים האבן מיר געעפנט דאס הארץ. דער ערשטער איז געווען "ממלא כל עלמין" מיט די תנועה פון מוהרא"ש זי"ע. דער צווייטער ניגון איז געווען אויף די תפילה אויף על הצדיקים, מיט די ווערטער: "צדיקים זענען דא אין יעדן דור, פונקט ווי עס איז אלעמאל געווען, דערקענען ווער זיי זענען דארף מען נאר און דורך תפילה וועט דאס געשען. כבוד, יחוס איז נישט די מקור, יעדער קען זוכה זיין דערצו, ושותלן בכל דור ודור, פארזיכערט אונז הקב"ה..."

און דער דריטער ניגון איז געווען א ניגון אויף די יהי רצון ביים סוף פון שמונה עשרה. די ווערטער זענען געווען בערך אזוי: "שלא תעלה קנאת אדם עלי, עס זאל נישט זיין קיין קנאה פון זיי, ולא קנאתי על אחרים, איך זאל נישט מקנא זיין מיינע חברים, דורך נצור לשונך מרע...."

עס האט זיך געעפנט א נייע וועלט פאר מיר. "תפילה." מיינט נישט אז איך האב נישט געדאווענט. איך פלעג דאווענען שחרית און מנחה יעדן טאג, און צומאל אפילו מעריב אויך. איך בין אלעמאל געווען א "דאווענער..." איך האב זייער ליב געהאט צו דאווענען און גיין אין שול.

אבער הערנדיג די ניגונים, ווערטער געדרונגען פון אזא ריין הייליג פלאץ, פון דעם נחל נובע מקור חכמה, געקליבן פון די אוצרות פון מוהרא"ש, האט זיך מיר געעפנט א נייער מושג אין תפילה.

איך האב געטראפן א וועג, איך האב געזען אז איך קען אויך אויסארבעטן מיינע מידות. יא, איך האב א וועג אויף קנאה און אויף אלע אנדערע זאכן. איך האב האפנונג.

אויך האט מיר די סי. די. זייער מעורר געווען צו זוכן א צדיק. איך בין "פארקנאקט געווארן" בעיקר מיט די צוויי ניגונים, דעם ניגון אויף "על הצדיקים" און דעם ניגון אויף "שלא קנאת אדם עלי". איך האב עס נישט גענוצט דוקא נאר אויף קנאה, נאר עס איז געווען פאר מיר א וועגווייזער אז וואס מען וויל פועל'ן ברוחניות קען מען בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן. זייט יענעם טאג האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו טרעפן א צדיק. (ר' מאיר דוד זינגט דארט זייער שיין אויס אז ווען דער נביא איז געקומען צו ישי זאגן אז איינער פון זיינע קינדער דארף זיין קעניג, האט ישי געברענגט אלע געלונגענע זין, אבער דער נביא האט אלעס אוועקגעמאכט, ביז מען האט געברענגט דוד, דעם רויטן, דעם אומגעלונגענעם, דעם וואס מען האט געשיקט אין פעלד, דעם וואס האט פארשעמט די משפחה, און אים האט מען געזאלבט. די נקודה: א צדיק זעט מען נישט פונדרויסן, א צדיק דארף מען זוכה זיין צו טרעפן)

דער ניגון האט מיר געטריבן צו תפילה. עס האט גענומען אסאך אסאך יארן, איבער פופצן יאר זייט יענע מעשה, ביז מיר האבן ענדליך זוכה געווען צו טרעפן דעם צדיק, צו טרעפן היכל הקודש, דעם פלאץ וואס פארבינדט מיר צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געזאגט ביי א שיעור, "איך בין



געווען אין ישיבה, א געהעריגע ישיבה. איך האב געהערט אלע שיינע שיעורים, וואס זענען באמת טייער און הייליג. באמת. נאר דא אין היכל הקודש, ביים רבי'ן באקומען מיר די וועג, די לייטער." דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן א ביישפיל פון די קליינע פליגערס וואס דארפן א לייטער ארויפצוגיין. דער רבי געבט אונז די לייטער, די מויל, צו קענען ארויף אויפן פליגער און פליען!

אסתי איז זיכער געווען ביי זייער א טייערן און הייליגן איד. זי איז אויך זייער וואויל און זי וויל באמת ווערן א 'כלי קיבול', אבער וויאזוי ווערט מען א כלי קיבול?

עס זענען דא אזויפיל שיינע מהלכים, שיעורים, קורסעס, און טיפס פאר אידישע מאמעס, אידישע ווייבער, וויאזוי צו ווערן בעסער און ערליכער. אבער וויאזוי כאפט מען עס אן אז עס זאל נישט ארויספליען נאך א חודש אדער צוויי?

צומאל ווען עס קומט מיר אויס צו הערן א דרשה, וויל איך צולויפן צום בעל דרשן און זאגן, "איר זאגט דאך אזוי שיין. נאר איין זאך, בינדט צו די שיך. א שאד צו לאזן דעם עולם ארומגיין מיט אפענע שיך בענדלעך. זיי גייען זיך איבערקערן דערויף אפאר מינוט (טעג-וואכן) ארום. בינדט צו די שיך און זאגט, 'מאך א תפילה,' אדער, 'לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו... נאר מיט תפילה ווערט מען פועל'ן.'"

עס וויל זיך באמת ארויפלויפן און שרייען נאר די פאר ווערטער. אבער דאן דערמאן איך זיך וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן ווען ער האט געוואלט לויפן אין די גאסן און שרייען "געוואלד, עס איז דא א רבי וואס קען יעדן צוריקברענגען צום אייבערשטן", האט אים דער רבי אפגעהאלטן זאגנדיג, "דו וועסט נישט פועל'ן." אזוי איז עס. ביז משיח'ס טאג וועט מען קריגן אויפן רבי'ן און אויף זיינע הייליגע תלמידים. ביז משיח'ס טאג וועט זיין א בחירה.

די #1 שאלה וואס רוב מענטשן פרעגן, "וואס האסטו באקומען אין ברסלב? מען איז דיר גארנישט מחדש נייע חידושים. די אלע זאכן האסטו שוין געוויסט פון וויגל."

ריכטיג! גאר גוט געזאגט. ברסלב איז בכלל נישט נייע מושגים. עס איז בכלל נישט אוועקגעטרעטן פון מסורה - קיין-איין-טראפ! איך האב נישט באקומען קיין נייע תורה און נייע הלכות ומנהגים אין ברסלב. דער רבי האט מיר פשוט געגעבן די מתנה פון התבודדות ותפילה אנצוקומען און אויסצופירן **אלעס וואס איך האב געלערנט פון וויגל.** דער רבי גיבט מיר א וועג פון "וידעת היום" צו "והשבות אל לבבך", פון וויסן אין מח צו 'אריינזעצן די ידיעה אין מיין הארץ' צו לעבן דערמיט.

**ברסלב איז מיר ג-א-ר-נ-י-ש-ט מחדש.** ברסלב איז מיר נאר **מחזק** צו אלע אלטע זאכן. עס העלפט מיר אנהאלטן און אויספירן אלע שיינע זאכן וואס איך האב אלעמאל געוויסט. ברסלב גיבט מיר "מיין מויל".

אוודאי רעדן אלע אידישע מאמעס צום אייבערשטן. א שטייגער ווי, "באשעפער העלף איך זאל כאפן די באס." אבער די מתנה פון "אויסשמועסן מיטן אייבערשטן" און אים "אויסדערציילן" אלעס וואס גייט אריבער, די זארג, די פחד, און אים לויבן און דאנקען... אה! שעשוע עולם הבא, גן עדן אליינס! נישט דא קיין בעסערע טעראפי, וואקאציע, מי טיים וכו'!

מיין חבר'טע פון אנשי שלומינו, האט ב"ה געהאט א קינד, א אינגל. זי דערציילט מיר אז שבת פאר איר וואכנאכט (וואס איז געווען מוצאי שבת) האט זיך אראפגעלאזט א הערליכער געדעכטער שניי (פרשת ויגש). אן דעם רבי'ן, וואלט זי געווען א שטיק נערוון, "וואס גייט דא זיין? מען האט שוין באשטעלט עסן און אלע זאכן, וועלן מענטשן קומען? וועט דא זיין א וואכנאכט?"

אבער מיטן רבי'ן, דערציילט זי מיר, איז אלעס אריבער אזוי שיין און אזוי רואיג. זי האט געוויגט איר ניי-געבוירן קינד ביים פענסטער און געמאכט מיט די ליפן: "באשעפער העלף, עס זאל זיין א שיינע שמחה! באשעפער העלף אלעס זאל זיך אויסארבעטן!"

א "ברסלב'ע ווייבל" מיינט נישט אז זי האט נישט קיין זארג, ענקזייעטי, אדער דאגות. א ברסלב'ע ווייבל נעמט נאר איר זארג, ענקזייעטי און דאגות און זי מאכט דערפון א תפילה, וואס דאס איז אן "אינסטענט טראנקווילייזער" (בארואיגונגס פיל).

אט קומט משיח און משיח וועט רעדן דעם רבי'ן'ס דיבורים. דאן וועלן עס **אלע** הערן, דאן וועט זיין ביטול הבחירה. "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, וועט מען זען ווען משיח וועט קומען!"

און דערווייל? דערווייל וועלן מיר ווייטער רעדן צום אייבערשטן און בעטן אז דעם רבי'ס לימוד זאל אריינגיין אין די וועלט, אז **אלע** אידן זאלן וויסן אז **די עצה פאר אלע עצות איז "רעדן צום באשעפער!"** און ווי רבי נתן ענדיגט צו אסאך פון זיינע בריוו אין 'עלים לתרופה': "און פארט האפקעו!" דערווייל לאמיר זיך פרייען און לויבן דעם באשעפער אז מיר ווייסן יא פון אזא רבי און פון זיינע הייליגע תלמידים, וואס זענען אונז מגלה דעם אייבערשטן.

אשרינו שזכינו אז מיר זענען זוכה אויסצולעבן אונזערע יארן מיט התבודדות ותפילה וואס מאכט אונזער לעבן פאר א גן עדן!

# Teriyaki Cutlets

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 1.5 POUND THIN CHICKEN CUTLETS.
- 2.5 T TERIYAKI SAUCE.
- 1 T OIL.
- 1/2 T HONEY.
- 1-2 CRUSHED GARLIC
- BREADCRUMBS.
- OR CORNFLAKES CRUMBS.

## DIRECTIONS:

- COMBINE SAUCE INGREDIENTS IN A BOWL.
- ADD CHICKEN.
- MARINATE FOR A FEW HOURS.
- PREHEAT OVEN 425
- COAT EACH CUTLET WITH CRUMBS .
- SPRAY PAN WITH OIL, PLACE CUTLETS, AND SPRAY ON TOP OF CUTLETS.
- BAKE UNCOVERED 8-10 MIN A SIDE.



# די בעסטע מאמע

מ. פעדער



"מאמי איך האב נישט ליב די עסן, איך וויל עפעס אנדערש."

חני דרייט אויס איר קאפ, איר האנט לייגט אריין נאך א לעפל רייז אין די אפענע מויל פון איר איין יעריגע שרה'לע.

"שלומי", קוקט זי ליבליך אריין אין זיינע גרויסע ברוינע אויגן "מען טוט נישט וואס מען וויל שעפעלע, מען טוט וואס איז ריכטיג! דו דארפסט עסן גוטע עסן כדי צו זיין געזונט, און האבן כח צו לערנען די הייליגע תורה".

חני לייגט ווייטער אריין א לעפל נאך א לעפל אין שרה'לע'ס מויל.

"לאמיר זען ווי שיין דו עסט" פראבירט זי אים צוצולייגן חשק, "אז דו וועסט ענדיגן די גאנצע טעלער וועסטו קענען קומען מיט מאמי איינקויפן פאר שבת".

ביז אפאר מינוט איז שוין די טעלער געווען געענדיגט, חני רייניגט אפ דעם טיש, שרה'לע זיצט שוין אין די קינדער וועגעלע און שלומי מיט א שטראלנדע פנים שטייט שוין נעבן טיר גרייט ארויסצוגיין.

א קוש די מזוזה "אייבערשטער העלף מען זאל גיין און צוריקקומען געזונטערהייט, די קינדער זאלן זיין וואויל און מען זאל טרעפן אלעס וואס מען דארף". און מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג.

שכח אייבערשטער אז מ'איז שוין דא, חני הייבט אן אנצופולן די וועגעלע מיט אלעס וואס זי דארף האבן פאר שבת.

"מאמי, מען קען עס קויפן?" שטעקט שלומי זיין פינגער צו עפעס וואס ער דארף זייער וויכטיג האבן.

"ניין שעפעלע, אפשר א צווייטע מאל". לייגט זי ווייטער אריין אין די וועגעלע מעהל און אפאר באטלעך אויל.

שלומי איז א וואויל קינד, שכח אייבערשטער. זיי גייען ווייטער קוקן וואס נאך מען דארף איינקויפן.

"מאמי, אפשר קען מען קויפן די געים? אלע מיינע חברים האבן עס." בעט זיך שלומי, חני טראכט א מינוט,"קום שלומי, לאמיר גיין צו די נאש, דו וועסט קענען אויסוועלן גוטע נאש לכבוד שבת".

שלומי שטראלט אויף, זיינע פיס לויפן שוין צו די נאש, חני יאגט אים נאך, פון ווינקל פון איר אויג זעט זי איר חבר'טע דבורי, ווי עס קוקט אויס גייט זי אויך איינקויפן פאר שבת.

"מאמי, איך וויל דאס האבן" הערט זי דבורי'ס דריי יעריגע טאכטער זאגן.

דבורי דרייט זיך אויס צו זען וואס איר טאכטער ווייזט און לייגט עס אריין אין די וועגעלע, "מאמי, איך וויל עס קויפן" ווייזט זי אן אויף נאך עפעס, דבורי לייגט דאס אויך אריין אין די וועגעלע.

חני באטראכט מיט פארוואונדערטע בליקן ווי דבורי'ס וועגעלע ווערט אנגעפולט מיט יעדע זאך וואס איר טאכטער ווייזט מיטן פינגער.

"אה, חני" האט איר דבורי באמערקט "ווי אזוי גייט עס?"

"שכח אייבערשטער" שמייכלט חני צוריק באטראכטנדיג איר שלומי ווי ער איז פארנומען מיט די נאש, שרה'לע איז ביזדערווייל איינגעשלאפן.

דבורי באטראכט חני'ס וועגעלע מיט נייגער. "ווי אזוי מאכסטו דאס?" פרעגט זי ערשטוינט, "דו ווייסט וואס איך האב צוטוהן מיט מיין טאכטער?" דבורי פארשלונגט א קרעכץ, "יעדע זאך וואס זי זעט דארף זי האבן. דו ווייסט וואס איך האב איר שוין אלץ געקויפט? יעדע סארט שפילצייג וואס איז נאר דא האט זי אינדערהיים, אין געשעפט מוטשעט זי אז זי מוז עס האבן, אפילו א פיש טענק האב איך איר געקויפט, אבער אינדערהיים קוקט זי עס אפילו נישט אן".

אויף דבורי'ס פנים דערקענט זיך א טיפער ווייטאג.

"איך וויל זיין פאר איר די בעסטע מאמע, איך געבן אלעס וואס זי וויל, איך וויל זי זאל אויפוואקסן געזונט, איך

> **יעדע סארט שפילצייג וואס איז נאר דא האט זי אינדערהיים, אין געשעפט מוטשעט זי אז זי מוז עס האבן, אפילו א פיש טענק האב איך איר געקויפט, אבער אינדערהיים קוקט זי עס אפילו נישט אן".**

האב געליינט פון עפעס א נייע פארשונג וואס ערקלערט אז די ווארט 'ניין' מאכט טראומע פאר א קינד, די ווארט 'ניין' פארמאכט די מח פונעם קינד און קלאפט אראפ זיין נפש, דאס קינד פילט אז "מיין מאמע איז נישט דא פאר מיר, מיין מאמע פארשטייט מיר נישט".

"זי איז נאך א קליין קינד, און איך וויל אזוי שטארק זי זאל האבן די בעסטע יוגנט יארן, דו פארשטייסט?"

חני שאקלט צו מיטן קאפ מיט טיפע רחמנות געפילן, וואס זאל איך איר זאגן? זי האט דאך נישט קיין צדיק וואס זאל איר ווייזן די ריכטיגע וועג אין חינוך, זי האט דאך נישט קיין צדיק וואס זאל איר ערקלערן אז פאר א קינד איז דווקא יא געזונט צו הערן די ווארט 'ניין', א קינד מוז האבן א גרעניץ.

דבורי געבט א שנעלע בליק אויפן זייגער, " אוי, ס'איז שוין שפעט" כאפט זי זיך, זי געזעגענט זיך שנעל און ענדיגן צו מיטן איינקויפן.

אויפן וועג אהיים מיט צוויי צופרידענע קינדערלעך - מתנות פונעם אייבערשטן, און מיט אנגעפולטע בעגס שפאנט זי פארטראכט, דבורי'ס ווערטער קלונגען אין איר מח: "איך וויל זיין די בעסטע מאמע, איך וויל זי זאל אויפוואקסן געזונט."

איך וויל דען נישט? טראכט זי צו זיך, דאס איז דאך עפעס וואס יעדע מאמע וויל, אבער מיר ווייסן אויך וויאזוי דאס אויסצופירן, ווי דער ראש ישיבה ערקלערט דאך וואך נאך וואך ביי די שיעורים:

ווער איז די בעסטע טאטע מאמע? טאטע מאמע וואס קריגן זיך נישט, טאטע מאמע וואס האבן זיך ליב, כדי צו זיין א גוטע מאמע דארף מען נישט איינקויפן פאר קינדער די טייערסטע קליידער, נעמען די קינדער צו די טייערסטע פארק'ס, די קינדער דארפן גארנישט, קינדער דארפן איין זאך - א ווארעמע היים.

ווי אזוי קען איך זיין די בעסטע מאמע? מיטן רעדן שיין צו מיין מאן, מיטן מאכן א גוטע אטמאספער אינדערהיים, דאס איז לופט פאר די קינדער און אזוי וועלן זיי טאקע מיטן אייבערשטנ'ס הילף אויפוואקסן געזונט.

שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פונעם צדיק, שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון די לעכטיגע זיסע עצות וואס קלארן אונז אויס דעם מח צו וויסן וואס איז ריכטיג.

חני קומט אריין אינדערהיים מיט א שמייכל און א תפילה אויף אירע ליפן:

"טאטע העלף איך זאל טאקע קענען זיין די בעסטע מאמע, איך זאל אלץ שמייכלען און רעדן שיין צו מיין מאן, די שכינה זאל רוהען ביי אונז אינדערהיים, און אונזערע קינדערלעך זאלן אויפוואקסן אין אזא גן עדן וואו מען לעבט מיט שלום און מיט ליבשאפט".



# קינדער היים

# רבי ישעי'לע'ס חסד

יארצייט פון די וואך

**איך האב אים ליב**

דער מלמד דערציילט

**די קארטל פארט אויף רעדער**

היימיש

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## דִי קַארְטְל פָּארְט אוֹיף רֶעדֶער

רֵייזִי הָאט בַּאטְרַאכְט דָאס קַארְטְל; עֶס אִיז גֶעוֶוען קָאלִירְפוּל אוּן צִיעֶנְד. זִי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט צוּ זֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, אוּן דֶער אִינְהַאלְט הָאט אִיר גְלַייךְ גֶעכַאפְּט.

**״דִי מִינוּט וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ בִּיסְט שוֹין אַזוֹי גוּט, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן דִיר... דָאס אִיז דִי מִינוּט וָואס דוּ הֶערְסְט אוֹיף צוּ זַיין גוּט!״**

רֵייזִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט דָאס קַארְטְל אוּן עֶס הָאט אִיר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן. זִי הָאט עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין טַאשׁ אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ״בְּלוּמִי... וֶוער מֵיינְט זִי אַז זִי אִיז? דָאס אִיז פּוּנְקְט גוּט פַאר אִיר. בְּלוּמִי מוּז דָאס לֵיינֶען, עֶס וֶועט אִיר גוּט אוֹיפְשָׁאקְלֶען.״

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס הָאט רֵייזִי שְׁטִילֶערְהֵייט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דָאס קַארְטְל פוּנֶעם אוּמְבַּאקַאנְטְן שִׁיכּוֹר אויף בְּלוּמִי'ס טִישׁ. מִיט אַ זַייטִיג אוֹיג הָאט זִי מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי בְּלוּמִי בַּאטְרַאכְט עֶס מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן. ״אִיךְ מַיין אַז זִי הָאט זִיךְ שוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ לֶעקְצִיֶע,״ הָאט רֵייזִי גֶעטְרַאכְט מִיט הַנָאָה.

אָבֶּער בְּלוּמִי הָאט גֶעהַאט גָאר אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת. ״וָואס אִיז דָאס? פוּן וֶועמֶען קוּמְט דָאס?״ זִי הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל גֶעמוּטְשֶׁעט מִיטְ'ן אַרַיינְטְרַאכְטְן, נָאר בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאס קַארְטְל אִיז פּוּנְקְט פַּאסִיג פַאר אִיר שְׁוֶועסְטֶער פְרֵיידִי.

פְרֵיידִי פִירְט זִיךְ אַלֶעמָאל אוֹיף נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן דֶערְמַאנְט אִיר כְּסֵדֶר אַז זִי וֵוייסְט אַלֶעס אוּן אִיז דִי בֶּעסְטֶע. דָאס קַארְטְל וֶועט אִיר שוֹין גוּט מְסַדֵר זַיין.

פְרֵיידִי הָאט גֶעהוֹיבְּן בְּרֶעמֶען זֶעעֶנְדִיג דִי ״מַתָּנָה״ אוֹיף אִיר טִישׁ. זִי הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פוּן וואוּ דָאס קוּמְט. ״וֶוער וֵוייסְט פוּן וואוּ דָאס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען?״ הָאט זִי הוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט.

בְּלוּמִי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי זִי הֶערְט נִישְׁט; זִי הָאט גֶעוָואלְט אַז פְרֵיידִי זָאל אַלֵיין מַאכְן אִיר חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ. אָבֶּער פְרֵיידִי הָאט גֶעהַאט אַנְדֶערֶע פְּלֶענֶער. זִי הָאט זִיךְ הַיינְט צֶעקְרִיגְט מִיט הֶענָא מַלְכִּי. ״הֶענָא מַלְכִּי מֵיינְט אַז זִי מוּז אַלֶעמָאל זַיין גֶערֶעכְט, דָאס אִיז אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע קַארְטְל פַאר אִיר,״ הָאט זִי בַּאשְׁלָאסְן.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה... זִי הָאט עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ קָאנְוֶוערְט אוּן עֶס אָפְּגֶעשִׁיקְט צוּ הֶענָא מַלְכִּי.

הֶענָא מַלְכִּי הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם קַארְטְל אִין דִי פַּאסְט מִיט וואוּנְדֶער. ״וָואס בַּאדֵייט דָאס?״ הָאט זִי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. פְּלוּצְלִינְג הָאט אִיר אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אִין קָאפּ: צִירִי! ״צִירִי אִיז דִי פַּאסִיגֶע קַאנְדִידַאט פַאר אַזַא קַארְטְל... אַלֶעמָאל וֶוען דִי קָאזִינְס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, מֵיינְט זִי



אַז זִי אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת; מֶען מוּז שְׁפִּילְן וָואס זִי וִויל און וִויאַזוֹי זִי וִויל. זִי מוּז זֶען דֶעם קַארְטְל."

מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי דִי בַּאבֶּע, הָאט הֶענָא מַלְכִּי עֶס אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט אִין צִירִי'ס טַאשׁ און אִיז שְׁנֶעל אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט.

צִירִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִיר הַאנְט אִין טַאשׁ און גֶעפוּנֶען דָארְט אַ "מַתָּנָה". "וָואס אִיז דָאס?" הָאט זִי זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט. זִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין און עֶס בַּאטְרַאכְט. "דָאס אִיז אַ גוּט קַארְטְל," הָאט זִי גֶעטְרַאכְט מִיט פַארְגֶענִיגְן. "מַיין שָׁכֵנְ'טֶע נֶענִי דַארְף דָאס זֶען. זִי אִיז אַזַא 'בִּיג שַׁאט', זִי מֵיינְט אַז זִי אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶעדְן!"

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס הָאט עֶס צִירִי אַרָאפְּגֶעלֵייגְט בַּיי נֶענִי'ס טִיר. נֶענִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן זֶען וָואס עֶס לִיגְט בַּיי אִיר שְׁוֶועל און עֶס גֶעלֵיינְט.

"אוֹי, וִוי פַּאסִיג! רֵייזִי, דִי קְלַאס-קֶענִיגְן, מֶעג דָאס לֵיינֶען. אִיךְ מַיין אַז אִיךְ גֵיי אִיר 'מְסַדֵּר' זַיין."

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס אִיז זִי אָנְגֶעקוּמֶען אַבִּיסְל פְּרִיעֶר וִוי יֶעדְן טָאג, און עֶס שְׁנֶעל און שְׁטִיל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף רֵייזִי'ס טִישׁ.

רֵייזִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קְלַאס דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, גַאנְץ פַארְמַאטֶערְט. זִי הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אַ רֶגַע אֵיידֶער דִי לֶערֶערִין אִיז אַרַיין. וֶוען זִי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אִיר סִידוּר, הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין אַ קַארְטְל. רֵייזִי הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען... זִי הָאט דָאס דֶערְקֶענְט... דָאס אִיז דָאךְ דָאס קַארְטְל וָואס זִי הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ בְּלִימִי צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק.

וָואס טוּט עֶס דָא? וִוי אַ דוּנֶער אִינְמִיטְן הֶעלְן טָאג הָאט זִיךְ רֵייזִי גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר...

דִי וֶועלְט זָאגְט דָאךְ: וֶוען מֶען וַוייזְט אֵיין פִינְגֶער אוֹיף יֶענֶעם, וַוייזְן דְרֵיי פִינְגֶער צוּרִיק אוֹיף דִיר! אַנְשְׁטָאט צוּ זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר, אָדֶער הֶערְן אַ שִׁיעוּר און טְרַאכְטְן פַאר וֶועמֶען דָאס אִיז פַּאסִיג... נֶעם זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אִין דִי הֶענְט אַרַיין און אַרְבֶּעט אוֹיף דִיר אַלֵיין! וַוארְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן טָאג וָואס דָאס קַארְטְל קוּמְט צוּרִיק צוּ דִיר!!



# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **דער קדושת ציון מ'באבוב זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער בן איש חי זי"ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה



# יאָרצייט פון די וואך

דער הייליגער
## רבי ישעי'לע
זי"ע

יארצייט:
ה' אייר

**די קומענדיגע וואך מאנטאג, ג' אייר, געפאלט די גרויסע יארצייט פונעם גרויסן צדיק וקדוש רבי ישעיה בן רבי משה, באקאנט אלס ר' ישעיה'לע זצ"ל.**

אַלְס יוּנְג קִינְד אִיז רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם פוּן זַיין טַאטֶע ל"ע. זַיין עֶרְלִיכֶע מַאמֶע הָאט אִים דַאן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זצ"ל. רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע הָאט אִים זֵייעֶר נָאנְט גֶעהַאלְטְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים מֶער וִוי מִיט אַן אֵייגְן קִינְד. רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע הָאט גֶעפִירְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב בַּיים צַדִיק. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפִירְט טִישׁ, פְלֶעגְט עֶר אַלֶעמָאל גֶעבְּן פַאר רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע צוּ טֵיילְן דִי בִּילְקֶעס אוּן פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען יְשַׁעְיָה טֵיילְט בִּילְקֶעס, קוּמְט אַרַיין אַ בְּרָכָה."

נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן זַיין רֶבִּי'ן, הָאט רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב (וֶועמֶענְס יָארְצַייט אִיז גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג, כ"ה נִיסָן). דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע נָאנְטְשַׁאפְט אוּן אִים זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט. דֶער צַאנְזֶער רָב הָאט סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין גְרוֹיסֶע צְדָקָה אוּן גְּמִילַת חֲסָדִים. (וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אַלֵיין גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדָה אִין צְדָקָה, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט קַיין פְּרוּטָה בַּיי זִיךְ אִיבֶּערְנַאכְט, נָאר אַלֶעס פַארְטֵיילְט פַאר אָרִימֶעלַייט). דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "פַאר יְשַׁעְיָה'ס צְדָקָה הָאט מֶען אִין הִימְל אוֹיךְ דֶרֶךְ אֶרֶץ."

אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע אִיז גֶעוֶוען בַּיים 'דִּבְרֵי חַיִּים'ס' טִישׁ, הָאט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רָב אָנְגֶערוּפְן: "יְשַׁעְיָה, קוּם אַרוֹיף!" דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים דַאן גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיס שְׁטִיקְל קוּגְל אוּן גֶעזָאגְט: "דָא הָאסְטוּ, אוּן זָאלְסְט קֶענֶען בְּרֵייט טֵיילְן פַאר אִידְן."

אַלֶע אִידְן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאבְּן דֶערְפוּן פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים יֶעצְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ כֹּחַ צוּ קֶענֶען טֵיילְן בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דֶער נָאמֶען "ר' יְשַׁעְיָ'לֶע" אִיז גֶעוָוארְן אַ נָאמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס גֵייט הַאנְט-אוּן-הַאנְט מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. נָאךְ בִּיז הַיינְט, וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט נָאר זַיין נָאמֶען, זֶעעֶן אִידְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת, אָבֶּער נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען זַיין גְּמִילַת חֲסָדִים אוּן עֲנִיווּת. עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַזוֹי פָּשׁוּט אוּן אַזוֹי קְלֵיין, אַז זַיינֶע גֶעסְט הָאבְּן כִּמְעַט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז גָאר זֵייעֶר אַ חַבֶר. עֶר פְלֶעגְט אַלֵיין גֵיין אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל-וַואסֶער, אוּן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז עֶר כִּמְעַט נִישְׁט גֶעזֶעסְן; עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין אוּן סֶערְוִוירְן אַלֶע גֶעסְט.

וֶוען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן: "יְשַׁעְיָ' בֶּן רֶבִּי מֹשֶׁה ז"ל שֶׁהָיָ' שַׁמָשׁ בַּקוֹדֶשׁ אֵצֶל הָרַב הַצַּדִיק מִלִּיסְקָא זי"ע" (יְשַׁעְיָ' בֶּן רֶבִּי מֹשֶׁה ז"ל, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער שַׁמָשׁ בַּקוֹדֶשׁ פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע). עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַזוֹי קְלֵיין, אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶער זְכוּת אִיז נָאר דָאס וָואס עֶר הָאט בַּאדִינְט אַ צַדִיק.

מִיט זַיין גְרוֹיסֶער עֲבוֹדָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן גְּמִילַת חֲסָדִים, הָאט עֶר גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ'ן אַזוֹיפִיל מוֹפְתִים אוּן יְשׁוּעוֹת פַאר אִידְן.

אַסַאךְ אִידְן פוּן אִיבֶּערָאל פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע מִיט אַ קְוִויטְל. וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אַ צַדִיק, נֶעמְט מֶען מִיט אַ קְוִויטְל מִיט אַ פִּדְיוֹן; דָאס אִיז אַ צֶעטְל וואו מֶען אִיז זִיךְ מַזְכִּיר, דָאס הֵייסְט מֶען בֶּעט דֶעם צַדִיק עֶר זָאל דַאוֶוענֶען פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען גִיט דֶערְבֵּיי "פִּדְיוֹן" גֶעלְט פַארְ'ן צַדִיק.

אֵיין טָאג, צְוִוישְׁן דִי פִילֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי רַייעֶ אַ גוֹי! עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם צַדִיק מִיט אַ קִינְד אוּן אַ קְוִויטְל.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רַייעֶ אַרַיינְצוּגֵיין, הָאט עֶר דֶערְלַאנְגְט אַן אוּנְגַארִישׁ קְוִויטְל פַארְ'ן צַדִיק צוּזַאמֶען מִיט זַיין פִּדְיוֹן. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם צַדִיק, אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט אִים נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. הָאט דֶער צַדִיק גֶערוּפְן זַיין גַבַּאי עֶר זָאל אִיבֶּערְטַייטְשְׁן וָואס דֶער גוֹי זָאגְט.

דֶער גוֹי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַ הוֹיכֶער אָפִיצִיר אִין דִי אַרְמֵיי, אוּן עֶר הָאט דָא מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין קִינְד. אַ שְׁטִיק צַייט

פְרִיעֶר, וֶוען זַיין קִינְד הָאט שְׁפַּאצִירְט אִין גַאס, אִיז אַ גְרוֹיסֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶער הוּנְט אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען. דָאס קִינְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קֶענֶען רֶעדְן.

דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז דָאס קִינְד זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן רֶעדְן.

רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיין בַּקָשָׁה אוּן צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר דְרִימְלְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶער דְבֵיקוּת.

פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַ פְרֶעג גֶעגֶעבְּן: "וָואס אִיז דַיין פָּאזִיצְיֶע (דַיין אַרְבֶּעט) אִין מִילִיטֶער?"

הָאט דֶער אָפִיצִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר אִיז דֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף דִי נַייעֶ סָאלְדַאטְן פַאר דֶער אַרְמֵיי, אוּן עֶר אִיז דֶער וָואס בַּאשְׁטֶעטִיגְט וֶועמֶען מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען אוּן וֶועמֶען נִישְׁט.

דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ פַארְטְרַאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּצוּזָאגְן אַז דוּ וֶועסְט טוּן אַלֶעס אִין דַיין מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בַּאפְרֵייעֶן וִוי מֶער אִידִישֶׁע בָּחוּרִים פוּן דַארְפְן דִינֶען אִין דֶער אַרְמֵיי, וֶועט דָאס קִינְד זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק." (אִין יֶענֶע צַייטְן פְלֶעגְן דִי גוֹיִים רוּפְן אִידִישֶׁע בָּחוּרִים צוּ קוּמֶען דִינֶען אִין זֵייעֶר מִילִיטֶער. לֵיידֶער הָאבְּן זֵיי דָארְט נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט צוּ פִירְן אַן עֶרְלִיךְ לֶעבְּן אוּן הָאבְּן זֵיי גֶעצְווּאוּנְגֶען צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת, אוּן צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים לֵיידֶער אָפְּגֶעפָארְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִילִיטֶער. דֶערִיבֶּער הָאט דֶער צַדִיק אִים גֶעבֶּעטְן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קַיין אִידִישֶׁע בָּחוּרִים אִין מִילִיטֶער.)

דֶער אָפִיצִיר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַאנְט, עֶס גֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין הַארְץ, אוּן גֶעשְׁווּאוֹירְן אִין זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס עֶר קֶען צוּ בַּאפְרֵייעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִילִיטֶער.

דַאן הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס שְׁטֶערְט דִיר אַז נָאךְ אַ הוּנְט וֶועט בִּילְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? (מֵיינֶענְדִיג אַז נָאךְ אַ גוֹי וֶועט רֶעדְן). עֶס קֶען דָאךְ אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן אַסַאךְ טוֹבוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער."

אַ מִינוּט דֶערוֹיף הָאט דָאס קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אוּנְגַארִישׁ: "טַאטֶע, פַארְוָואס בִּיסְטוּ דָא אַזוֹי לַאנְג? קוּם שׁוֹין!"

וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוֹיפְ'ן פְלַאץ פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת. מֶען הָאט אִים דֶערְמִינְטֶערְט, אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

דֶער גוֹי הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וָוארְט אוּן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַלֶע אִידִישֶׁע בָּחוּרִים פוּן מִילִיטֶער. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דָאס מִילִיטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹשֵׁד זַיין דֶעם אָפִיצִיר אַז דִי אִידְן צָאלְן אִים גֶעלְט עֶר זָאל בַּאפְרֵייעֶן דִי אִידִישֶׁע בָּחוּרִים. מֶען הָאט אִים אָנְגֶעקְלָאגְט אִין גֶערִיכְט אוּן מֶען הָאט אִים גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז מֶען וֶועט אִים אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ הַרְגְעֶנֶען.

אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן הָאט זִיךְ דֶערְווּאוּסְט דֶערְפוּן אוּן עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּם צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע דֶערְצֵיילְן אַז דֶער אָפִיצִיר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ סַכָּנָה.

דֶער צַדִיק הָאט נָאכְאַמָאל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט אַרוֹיס פְרֵיי."

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דָאס גֶערִיכְט



# יאָרצייט פון די וואָך

האָט איבערגעקוקט זיינע פּאַפּירן און געזען אַז ער איז אומשולדיג. ער נעמט נישט קיין געלט פון די אידן, נאָר ער זעט פּשוט אַז "זיי טויגן נישט פאַר אונזער גוטע און שטאַרקע מיליטער!" (אַזוי האָט ער זיי מסביר געווען).

...

אַ איד האָט דערציילט אַז ווען ער איז געווען אַ קליין אינגל איז ער אַמאָל געפאָרן אויף ראש השנה מיט זיין טאַטן צו זיין ביים הייליגן צדיק רבי ישעי'לע. נעבן זייער הויז האָט געוואוינט אַ שלעכטער גוי, וואס פלעגט זיי אַלעמאָל טשעפּענען און מאַכן פּראָבלעמען. איידער זיי זענען אַרויסגעפאָרן, האָט די מאַמע געבעטן פון איר מאַן: "זיי מזכיר ביים צדיק אַז מיר זאָלן שוין פּטור ווערן פון דעם שלעכטן גוי."

דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט אַז ער וויל נישט יעצט מבלבל זיין דעם הייליגן צדיק אין אַזאַ הייליגע צייט מיט אַזעלכע זאַכן.

ווען זיי זענען געווען ערב יום טוב ביים צדיק, האָט דער טאַטע איבערגעגעבן אַ קוויטל, און דאָס קליין קינד האָט שטילערהייט דערמאַנט פאַר זיין טאַטע וואס די מאַמע האָט געבעטן. דער טאַטע האָט אָבער נישט געוואָלט שטערן.

דער צדיק האָט אָבער עפּעס געהערט און געפרעגט דעם אינגעלע: "צדיק'ל, וואס האָסטו געזאָגט?"

דאָס קינד האָט דערציילט אַז זיין מאַמע האָט געבעטן מען זאָל בעטן דעם רבי'ן אַז מען זאָל שוין פּטור ווערן פונעם שלעכטן גוי.

רבי ישעי'לע האָט זיך אָנגערופן: "צדיק'ל, זאָג פאַר דיין מאַמען אַז זי וועט האָבן אַ ליכטיגן פּורים!"

זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואס דער צדיק מיינט מיט די ווערטער.

אויף יום כיפור זענען זיי ווידער געקומען און נאָכאַמאָל מזכיר געווען די פּראָבלעם מיטן גוי. דער צדיק האָט ווידער געזאָגט: "צדיק'ל, זאָג פאַר דיין מאַמען אַז זי וועט האָבן אַ ליכטיגן פּורים!"

יענע יאָר שבת שירה איז דער גוי צוזאַמענגעפאַלן און געוואָרן זייער קראַנק, און אַביסל שפּעטער, תענית אסתר, איז דער שלעכטער גוי געשטאָרבן! זיי האָבן געהאַט אַ "ליכטיגן פּורים" פּונקט ווי דער צדיק האָט זיי געוואונטשן.

...

דער באַכניער רב, הגה"צ רבי אשר מאיר האַלבערשטאַם זצ"ל, האָט ל"ע נישט געהאַט קיין געזונט הארץ, און ער איז שוין עטליכע מאָל געווען אין אַ גרויסע סכנה רח"ל. איינמאָל איז ער געווען ביי אַ גאָר גרויסן דאָקטער אין די שטאָט לעמבערג, און דער דאָקטער האָט אים געוואָרנט אַז ער מוז זייער היטן אויף זיין געזונט און נישט אַרומפאָרן; ער האָט אים געזאָגט אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אין אַ סכנה חס ושלום, וועט ער אים שוין נישט קענען העלפן און ער וועט חס ושלום נפטר ווערן.

איינמאָל איז דער רב געפאָרן קיין קערעסטיר אויף שבת. ווען ער איז דאָרט געווען, איז ער פּלוצלינג געוואָרן זייער שוואַך און ער איז צוזאַמענגעפאַלן. די מענטשן אַרום, וואס האָבן געוואוסט אין וואָספאַראַ סכנה דער רב געפינט זיך, זענען שנעל געלאָפן צום רבי'ן און אים מזכיר געווען. דער צדיק רבי ישעיה'לע איז גלייך געקומען און באַטראַכט דעם רב. ער האָט געזען אַז זיינע פיס זענען שוין קאַלט, וואס דאָס האָט געוויזן אַז ער איז שוין ממש ווי נפטר געוואָרן.

מען האָט שנעל געשיקט אַ טעלעגראַם צום הייליגן שינאַווער רב (אַ זון פון הייליגן צאַנזער רב) צו מזכיר זיין דעם רב, און ברוך השם דער רב האָט זיך דערוועקט און אָנגעהויבן פילן בעסער.

שפּעטער ווען דער שינאַווער רב האָט זיך געטראָפן מיט רבי ישעיה'לע, האָבן זיי געשמועסט וועגן דעם באַכניער רב. האָט זיך דער שינאַווער רב אָנגערופן: "ווען איך האָב באַקומען דעם טעלעגראַם האָב איך זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב געוואוסט זיין מצב, אַז ער האַלט שוין כמעט ביים נפטר ווערן. איך האָב אָבער גלייך געפרעגט פון וואו מען האָט געשיקט דעם טעלעגראַם, און ווען איך האָב געהערט אַז עס קומט פון קערעסטיר, האָב איך זיך גלייך באַרואיגט און געוואוסט אַז ער וועט זיין געזונט; איך האָב געוואוסט אַז ער איז אין גוטע הענט." ווייל ווען מען געפינט זיך נעבן אַ צדיק, איז מען זוכה צו אַ ספּעציעלע שמירה פון הימל.

מיר לערנען זיך אַרויס פון די שיינע מעשיות אַז אַ צדיק האָט אַ גרויסן כח אין הימל און זיינע ברכות ווערן מקוים. ווער עס האָט שכל לעבט מיט אַ צדיק, פּאָלגט אַ צדיק, גלייבט אין אַ צדיק און גייט צו אַ צדיק, און אַזוי איז מען אַליינס זוכה צו ווערן אַן ערליכער איד און אַ גרויסער צדיק.

**זכותו יגן עלינו**


קמיע הישועות
בני חיי ומזוני
לשובע ולא לרזון
ברכת ישעיה

# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**





# דער
# מלמד דערציילט

## אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ

מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ נַייֶע אִינְגְל אִין מַיין קְלַאס. אִיךְ הָאבּ אִים שַׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים בַּאגְרִיסְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ חֲבֵרִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל לִיבּ צוּ הָאבְּן נָאךְ חֲבֵרִים, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז נָאךְ אַ וואוֹילֶע אִינְגְל קוּמְט אַרַיין אִין אוּנְזֶער חֵדֶר.

אִיךְ וֵייס אָבֶּער נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען אִין זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן נִישְׁט גוּט אוֹיף מִיר.

פוּן נַאטוּר אוֹיס בִּין אִיךְ אַ פְרַיינְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן דָאס פַארְשַׁאפְט מִיר אַסַאךְ חֲבֵרִים, אָבֶּער אִיךְ בִּין חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלֶעכְט צוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הֶער אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ וֵייס וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ טְשֶׁעפֶּעןֶ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער רֶעד אִיךְ נָאר שַׁיין אוּן וַוארֶעם צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער נַייֶער אִינְגְל הָאט אָבֶּער עֶפֶּעס נָאר גֶעוָואלְט זִיךְ צֶעקְרִיגְן מִיט מִיר. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז אִיךְ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אִיבֶּער אַנְדֶערֶע אוּן אִיךְ וִויל זַיין דֶער "קֶענִיג" פוּן דִי כִּתָּה. דָאס אִיז אַלֶעס נִישְׁט גֶעוֶוען אֱמֶת אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שַׁיין צוּ אִים, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן מִיר אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר קוֹיפְט נִישְׁט אָפּ קַיין חֲנוּפָה פוּן מִיר.

וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שַׁיין צוּ אִים אוּן אִים פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט מִיר, הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ וִוי גֶעקְלַאפְּט אִין אַ וַואנְט. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. עֶר הָאט אֲפִילוּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל מַחֲלֹקֶה אִין דִי כִּתָּה, בִּיז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט מִיר. עֶר הָאט פַאר יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט לִיבּ אוּן אִיךְ זוּךְ אִים נָאר צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען.

אִיךְ הָאבּ אִים פַארְזִיכֶערְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטַעֲנָה'ט אַז אִיךְ רֶעד שְׁטוּתִים אוּן אוּנְטֶער זַיין רוּקְן מַאךְ אִיךְ חוֹזֶק פוּן אִים. דָאס אַלֶעס אִיז וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אֱמֶת.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן. עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן, בִּיז אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

יֶענֶעם טָאג בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר קוֹים גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן. נָאךְ אַ פָּאר מִינוּט, וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט, הָאט מִיר מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט מִיטְלַייד. עֶס אִיז אִיר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ, וַוייל זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִין אַלֶע מַיינֶע פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט

מִיט קַיין קִינְדֶער פוּן מַיין קְלַאס. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר דַאן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז יֶענֶער הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם און נִישְׁט אִיךְ. אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, נָאר עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ שְׁלֶעכְטְן בְּלִיק אוֹיף זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר לַיידְט דֶערְפוּן נִישְׁט אִיךְ, נָאר דֶער נַייעֶר אִינְגְל! וַוייל יֶעדְן טָאג מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ און יֶעדֶער ווִיל אִים טְשֶׁעפֶּענֶען, און נֶעבֶּעךְ, עֶר קֶען נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין טָאג.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט צוּגֶעהֶערְט און אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן קָאךְ. אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר מַיין מַאמֶע צוּרִיקְגֶערוּפְן. "קוּם אַהֶער, דוּ מוּזְט עֶפֶּעס לֵיינֶען," הָאט זִי גֶעזָאגְט אִיבֶּערְרַאשְׁט. זִי הָאט מִיר דַאן גֶעוִויזְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס זִי הָאט גֶעלֵיינְט.

...

בַּיים בְּרִיסְקֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דֶער אִיד אוֹיפְן בִּילְד) אִיז אַמָאל פָּארְגֶעקוּמֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, וֶועלְכֶע לֶערְנְט אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה און אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל.

אֵיינְמָאל אִיז עֶפֶּעס פָּארְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן צוּ אַ מַחֲלֹקֶה, און דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רָב עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט. דֶער רָב הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט לוֹיט אֵיין זַייט, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ הַקָהָל, וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בֵּייז אַז דֶער בְּרִיסְקֶער רָב פַּסְקְ'נְט נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג. לֵיידֶער אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ און עֶר הָאט גֶעשְׁוואוֹירְן נְקָמָה צוּ נֶעמֶען אִינֶעם רָב.

דֶעם נֶעקְסְטְן טָאג הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל גֶעדִינְגֶען צְוֵויי פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן און זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט אַז דֶער רָב וֶועט שְׁפֶּעטֶער אִינֶעם טָאג אַדוּרְךְ פָארְן דֶעם וַואלְד. דֶער רֹאשׁ הַקָהָל הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רָב גֵייט זַיין סַנְדָּק אִין אַ דֶערְנֶעבְּנְדִיג שְׁטֶעטְל. עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי צְוֵויי פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן רח"ל צֶעקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם רָב, און וָואס מֶער זֵיי וֶועלְן אִים שְׁלָאגְן, אַלְס בֶּעסֶער וֶועט עֶר זֵיי בַּאצָאלְן.

דֶער בְּרִיסְקֶער רָב זִיצְט זִיךְ אִין זַיין וָואגְן מִיט זַיין תַּלְמִיד און יָאגְט זִיךְ אָן צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ צוּם בְּרִית. אִינְמִיטְן שְׁפְּרִינְגֶען אַרוֹיס צְוֵויי ווִילְדֶע לַייט און שְׁטֶעלְן זִיךְ קֶעגְן דֶעם רָב, גְרֵייט אִים אָנְצוּשְׁלָאגְן.

דֶער בְּרִיסְקֶער רָב הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן. עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן און זֵיי בַּאטְרַאכְט. דֶער רָב הָאט זִיךְ שְׁטַארְק פַארְטְרַאכְט, און דַאן הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי. און דַאן, וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, הָאבְּן דִי צְוֵויי שְׁלֶעכְטֶע לַייט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן זֵייעֶרֶע שְׁטֶעקֶענְס און אַרָאפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע קֶעפּ. זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן פַארְן רָב און אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. "רֶבִּי, זַיי אוּנְז מוֹחֵל," הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן. "מִיר וֵוייסְן נִישְׁט פַארְוָואס מִיר הָאבְּן אֲפִילוּ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ טוּן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ. רֶבִּי, רֶבִּי, זַיי אוּנְז מוֹחֵל..."



# דער מלמד דערציילט



דֶער רָב הָאט זֵיי בַּארוּאִיגְט אוּן זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען בְּלֵב שָׁלֵם אוּן אִיז וַוייטֶער גֶעפָארְן זַיין וֶועג. דִי תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען מִיט אִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס זֵיי הָאבְּן בֵּייגֶעוואוֹינְט, אָבֶער דֶער בְּרִיסְקֶער רָב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַזוֹי:

"עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נֵס. עֶס אִיז פָּשׁוּט דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם, אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט. וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיר שֶׁעדִיגְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט. זֵיי מוּזְן זַיין זֵייעֶר אָרִים אַז זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ טוּן אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ פַאר אַפָּאר דָאלֶער. נֶעבֶּעךְ!' אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי גֶעשׁוֹינְט. אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי בֶּאֱמֶת לִיבּ, וַוייל טִיף אִינֶעוֵוייניג אִיז זֵייעֶר נְשָׁמָה רֵיין אוּן זֵיי וִוילְן טוּן גוּטְס. נֶעבֶּעךְ, זֵיי הָאבְּן אַזַא שְׁרֶעקְלִיכְן יֵצֶר הָרָע וָואס לָאזְט זֵיי נִישְׁט טוּן גוּטְס."

דַאן הָאט דֶער רָב וַוייטֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט גוּטֶע זַאכְן אוֹיף זֵיי, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט מִיטְ'ן מוֹיל, הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעשְׁפִּירְט אִין זֵייעֶר הַארְץ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי לִיבּ. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מִיר אוֹיךְ לִיבּ בַּאקוּמֶען, וַוייל אַזוֹי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: 'כַּמַּיִם הַפָּנִים לְפָנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם' - פּוּנְקְט וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער זֶעט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע אָפְּשְׁפִּיגְלוּנְג, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דָאס הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט אַז יֶענֶער הָאט אִים לִיבּ, הָאט עֶר אִים אוֹיךְ לִיבּ." דֶער בְּרִיסְקֶער רָב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "מִמֵּילָא הָאבְּן זֵיי מִיר נִישְׁט גֶעטוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט מַיין אַהֲבָה. אִיר פַארְשְׁטֵייט? עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ נַאטִירְלִיכֶע זַאךְ."

...

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעשְׁוִויגְן. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר בַּאטְרַאכְט. "פַארְשְׁטֵייסְטוּ פַארְוָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל פַאר דִיר יֶעצְט?" הָאט זִי מִיר גֶעפְרֶעגְט. "דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מֶען זָאל זוּכְן דָאס פִּינְטֶעלֶע גוּטְס."

אִיךְ הָאבּ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ. אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ. יֶענֶע נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פַארְטְרַאכְט. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט גוּטְס אוֹיף דֶעם נֵייעֶם אִינְגְל; אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין אִים נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ גוּטֶע חֲלָקִים. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט פוּן רֶבִּי'נְס לִימוּד, אַז אוֹיבּ מֶען זוּכְט אוֹיף אַ אִיד דָאס גוּטְס, וֶועט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן וֶוערְן גוּט.

דֶעם נֶעקְסְטְן אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ בַּאגְרִיסְט דֶעם אִינְגְל מִיט אַ פְרֵיילִיכְן "אַ גוּט מָארְגְן".

יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט גוּטֶע זַאכְן אוֹיף אִים. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז בֶּאֱמֶת וִויל עֶר זַיין מַיין חַבֶר, נָאר עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִויאַזוֹי עֶס אַרוֹיסְצוּזָאגְן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת אַ גוּט הַארְץ, נָאר אֶפְשָׁר אִיז אִים שְׁוֶוער דִי טוֹישׁ צוּ אַ נֵייעֶ חֵדֶר.

צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז דֶער נֵס גֶעשֶׁען! אֵיין טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלְן צוּ מִיר. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּ מִיר שֵׁיין. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז אֱמֶת; אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, נָאר גֶעטְרַאכְט אִין מַיין הַארְץ, אוּן עֶר הָאט עֶס דֶערְשְׁפִּירְט. עֶס הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ נֵס.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מַיין אֱמֶת'עֶר חַבֶר. אִיךְ הָאבּ אַנְטְדֶעקְט זַיינֶע שֵׁיינֶע חֲלָקִים, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי שְׁוֶוער דִי טוֹישׁ אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר אוּן דִי גַאנְצֶע מַחֲלֹקֶה אִיז נֶעלָם גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז וַוייל וֶוען מֶען זוּכְט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אוּן גוּטֶע חֲלָקִים אִין יֶעדְן אִיד, וֶוערְט יֶעדֶער גוּט. יֶעצְט אִין דִי יְמֵי הַסְּפִירָה דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ קוּקְן שֵׁיין אוֹיף יֶעדְן אִיד, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן פַארְמֶערְן נָאר אַחְדוּת אוּן שָׁלוֹם.

# געמאלן

## א מעשה פון תפילה




געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'




געמאלן: שרי פריינד תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי'ען:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

#1



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי' האט געזאגט: "ווען מ'האלט די מצה אין די האנט האלט מען גאט אין די האנט"

## ברסלב'יע חידות

**די תלמידי רבי עקיבא זענען נסתלק געווארן אין די ספירה טעג נאר צוליב דעם וואס זיי האבן נישט**

א. געלערנט

ב. געדאווענט

ג. געווען פרייליך

ד. נוהג כבוד געווען זה לזה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט: ווען מ'מאכט פסח'דיג ווערן באשאפן די זעלבע הייליגע מלאכים וואס ווערן באשאפן ביי תקיעת שופר

## געב א שמייכל

**וואס האט א שוך מיט א נאדל זופ?**

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**יז. מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים.**

וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִי אֱמוּנָה אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

# קליין און שיין



אסתר ריזל קרדוזו



אפרים-נתן און בערעלע סופר



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש



אסתי לעווי



קוליטש מנדי לב



שלומי און מאכעלע אינדיג



נחמן יואל קרדוזו



יואליש סאמעט



יואליש שמן



שלום הערשקאוויטש



יוסף פרידריך



יוטי שטראססער



משפחת וועבערמאן זונטאג סקול



פייגי פרייעדמאן




רבקהלע ראבינאוויטש



שרי פריינד



פייגי לעווי



חי'לע לאנדא



מרדכי בן ציון לעווי



נחמה פליישמאן



פייגי לאנדא



פייגה'לע פרידריך